STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03252

YANKEL BOYLE

Leon Kobrin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03252-2

D:\YIDDISH\TITLES\9780657032524T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

יאנקעל בוילע
א פישער=דראמא פון לעאן קאברין
דייוויד קעסלער
Produced at the DAVID KESSLER THEATRE
1916—New York—1917
Management - - - - - - - Max R. Wilner



דייוויד קעסלער



לעאָן קאָברין

פערזאָנען:

ישעיהו, א קרעטשמאַר.......................הערר שווייד
פרומע, זיין פרוי....................מאַד. נאַדאַלסקי
יאַנקעל בוילע, זייער בן־יחיד...........הערר דייוויד קעסלער
נחום נאָוועסעלסקער, א קרעטשמאַר, ישעיהו'ס ברודער..ה' גילטמאַן
חייקע, זיין טאָכטער....................מאַד. ווילענסקי
הירש בער, א פישער.....................הערר שוואַרץ
זלמן צירעלעס, א פישער..................הערר וועקסלער
ר' חאַצע טריינעס.......................הערר היימאַן
פראַקאָפּ, א פויער.....................הערר נאַטהאַנזאָן
נאַטאַשאַ, זיין איינִיקעל...............מיסס בעסי ווייסמאַן
איצע פאַסטערנאַק.......................הערר נאַדאַלסקי

פויערים, פויערטעס, דאָרפישע כלי־זמר א. ז. וו.
עס האַנדעלט זיך אין א דאָרף נעבען א גרויסער
אָזערא אין מאָהילעווער גובערניע, ביים דניפּער.

איך דיך ליעב, שעלמאָ
די װעלף זאָלען דיך פרעסען !

וואָס דיר איז טאַטעניו ?

ערשטער אַקט.

אײדער דער פֿאָרהאַנג הױבט זיך אױף, הערט מען אַ שטיל געזאַנג פֿון אַ רוסיש, דאָרפֿיש ליעדעל. װען דער פֿאָרהאַנג האָט זיך אױפֿגעהױבען, זעהט מען דאָס פֿישערס שטיבעל. אַ גרױסער, לאַנגער טיש. בײ דער טיש אַן אױװען מיט אַ לעזשאַנקע. אין מיטען אַ גרױסע אָפענע פֿענסטער, װאָס קוקט אַרױס אױפ'ן אָזערע. די זון פֿאַלט אױפ'ן פֿענסטער. ח אַ צ ע טרײנעס, אַ דאַר אידעל, 45 יאָהר, מיט אַ פֿערשלאָפֿען פּנים, אַ געל, קאָלטעװאַט בערדעל, אין אַ גראָבען לײװענדענעם העמד, מיט אַ לאַנגען, אַלטען, געלען ארבע כנפֿות פֿון אונטער אַ זשוּלעט און זלמן צירעלעס, אַ געזונטער חברה־מאַן פֿון אַ יאָהר 23, מיט אַ רױט פֿערברענט פּנים, לעבעדיגע, קאָכעדיגע אױגען, און אַ שװאַרצען זשילעט, ברײטע שטיװעל מיט לאַנגע כאָליװעס, און נאָך אַנדערע פּױערים פֿישער זיצען אױף דער ערד, װאו עס ליעגט אױסגעשפּרײט אַ נעװאָד, פֿעררײכטען איהם מיט לאַנגע הילצערנע נאָדלען, דורך װעלכע עס איז דורכגעצױגען שפּיגאַט. אַלע חוץ חאַצען זינגען דאָס רוסיש דאָרפֿס־ליעד.

ז ל מ ן : (אַז מען האָט אָבגעזונגען) עך! װען יענקעלע בױלע זינגט עס, איז טאַקע דאָ װאָס צו הערען. די שיקסעס קריגען פֿאַר איהם דעמאָלט די כּפּרה! אױ, װי איך בין איהם מקנא, װי איך בין אַ איד!...

ח אַ צ ע : װי דו ביזט אַ איד? איך מײן עפּעס!... דו ביזט אַ איד, יענקעלע בױלע איז אַ איד, דער אַלטער הירש בער איז אַ איד... איהר זײט אַלע אידען, װעה איז מיר! און מעג מען אײך מצרף זײן צו אַ מנין, אַזעלכע אידען? אָט װי איװאַנען, װי פּראָקאָפּ'ן, איך מײן עפּעס!...

ז ל מ ן : ער האָט שױן גענומען טראַסקען מיט זײנע יוצרות, דער קעלמער!.. מאַראָטשעט מיר ניט דעם מוח. װאָס האָט איהר זיך אין מיטשקע דערינען צופּאַלאשעט מיט אײערע יוצרות? פֿעררײכט בעסער דעם נעװאָד און האַקט מיר ניט קײן ספּאָדיק, קעלמער! הירש בער קומט באַלד אַרײן, און דער נעװאָד איז נאָך

ניט פערריכט, די שיפען זענען נאָך ניט אויסגעפּעכט, ער וועט שוין אונז פערגעבען אַ כוואַראַבע.

ח אַ צ ע : מיר טהוט וועה דאָס האַרץ פאַר דיר, זלמן.. איך האָב געקאַנט דיין טאַטען, ער איז געווען אַ פרומער איד, און דו ביזט אַ גוי... איך מיין עפּעס !...

ז ל מ ן : איך מיין אויך עפּעס, ר׳ חאַצע. אויב איך בין ניט פרום, וועט מען דאָך מיך שמייסען, וואָס האַרט דאָס אייך ?

ח אַ צ ע : טהו, טהו צו להכעיס, זלמן... אָבער ער דאָרט... ער זעהט און הערט און פערשרייבט ! ווי פלעגט זאָגען דער קעל־מער, זכר צדיק לברכה ? — דער זינדיגער מענש לעבט ביז ער ציהט אויס די פיס, און דעמאָלט ?... אוי דעמאָלט... איך מיין עפּעס !...

(ברעכט זיך אונטער, לאָזט אַראָב דעם קאָפּ און זיפצט.)

ז ל מ ן : שאַ, אָט געהט נחום נאָוואָסעלסקער. אָט ער וועט הערען אייערע יוצרות !

נ ח ו ם 45 יאָהר אַלט, קורצזיכטיגע אויגען, שוואַרצע ברייטע באָרד, ווי אַ בעזים, אין וואַטאָווע הויזען און קאַפּטען, מיט איין אַרבעל אַ סאַרען און אַ צווייטען אַ געלען. קאַפּטען צושפּיליעט. די נאַקעטע ברוסט זעהט זיך אַרויס. אויפ׳ן קאָפּ אַ היטעל מיט אַ האַלבען קאַזיראַק.

נ ח ו ם : אַ גאָט העלף ! אור־טיו, ס׳רא היץ, טאַטעלאַך !

(קראַצט זיך אונטער׳ן פּאַכווע) עם פּאַרעט. אַ הייסער תמוז, פרימע־ריטשע, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, און טענה ניט !...

ז ל מ ן : איהר שוויצט, ר׳ נחום, האַ ? ווי זאָגט אונזער קעלמער : „איך מיין עפּעס“... איהר ווילט, אז איהר זאָלט ניט שוויצען ? ליינט זיך אַוועק אין אייער ווינטערדיגען קאַפּטען און פּלודערן ביי אונז אויפ׳ן לעדאָווניק, אויפ׳ן אייז צווישען די פיש, וועט איהר ניט שוויצען. נשקשה, איהר זענט אויך אַ היבשער העכט !...

נ ח ו ם : דו לאַכסט פון מיינע תחתונים, האַ, זלמן ? וואָס דען זאָל איך אָנטאָן, מיינע שבת׳דיגע, וואָס ? אַ ביטערע עבירה. נאָכדעם וועט ניט זיין אין וואָס צו פאָהרען אין שטאָדט אריין !

ח אַ צ ע : (אויפגעשטאַנען) שלום עליכם, ר׳ נחום...

נ ח ו ם : (אָנגעקוקט מיט די קורצזיכטיגע אויגען) האָ, האָ, זאָלט איהר מיר מוחל זיין ! איהר זענט עס, ר׳ חאַצע ? וואָס זאָגט איהר ? איך האָב אייך גאָר ניט בעמערקט ! על כל פנים, אַ קורצ־

זיכטיגער פערד איז אַ האַלבער בלינדער... וואָס־זשע מאַכט איהר, טאַטקעלע, האַ?...

ח אַ צ ע : אָט, ר׳ נחום מען מאַכט... עבירות, מאַכט מען, ברוך השם. היט זיך היינט, היט זיך מאָרגען פון עבירות. ווען מען איז אָבער אַ פישער אין אַ דאָרף, ווייט פון אַ בית־מדרש, ווייט פון אידען, איז שווער זיך איינצוהיטען פון עבירות... קיין מאָל דאַווענט מען ניט בציבור. קיין קדושה הערט מען. קיין אמן זאָגט מען ניט. אוי, ר׳ נחום, די פרנסה, איך מיין עפעס! פאַר די זעקס חדשים, וואָס איך בין אַ פישער, בין איך גאָר אין גאַנצען אויס איד געוואָרען! אַ קאַטאָוועס, אַ מצוה צו כאַפּען איז נישטאָ וואו. און וואָס איז אַ איד, ברוך השם, אָהן מצוות? אָט ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה, איך מיין עפעס!...

נ ח ו ם : (זיפצט) אמת, אמת, ר׳ חאַצע. טאַקע אַזוי, טאַקע! זאָלט איהר מיר מוחל זיין, אַ איד אָהן מצוות איז, פרימעריטשע, ווי אַ פערדעל אָהן אַ כאָמוט. ווי מיין קליאַטשע אָהן אַ בייטש. אָט איהר, ר׳ חאַצע, האָט כאָטש מצוות פון פריהער, אַ שטאָדטישער מענש, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. געגאַנגען אין בית מדרש. געכאַפּט אַ מאָל אַ ברכו׳לע, צי אַן עליה׳לע. זיך טובל געווען אַ מאָל אין אַ נאַסטאַיאַשצער אידישער, כשר׳ער מקוה׳לע, צי מאַלע וואָס נאָך פאַר אַ מצוות... אָבער אַזאַ ליידאַק, ווי איך בין, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. אָבגעלעבט אַלע מיינע יאָהרען אויפ׳ן דאָרף פון קינדווייז אויף... עך, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, פאַסקודנע! מען וועט רייסען דאָס פלייש אויף יענער וועלט, מען וועט האַקען, און טענה ניט!...

ז ל מ ן : ר׳ נחום, נעהמט מיט זיך אויף יענער וועלט דעם וואַטאָוועץ קאַפּטען מיט די פלודערן, דעמאָלט, אַז מען וועט האַקען, וועט מען האַקען אין דער וואַטע אַריין...

נ ח ו ם : נו, נו, זלמנקע, דער שלאַג זאָל דיך נעהמען! לאַך ניט פון אידישקייט... דו ביזט ניט יענקעלע... דו ביזט אַ שטאָדטישער בחור׳ל, און דיין טאַטע האָט דיר אודאי אויך ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, דו זאָלסט זיין אַ פרומער איד... יענקעלע, זעהסטו, אַז ער האַלט ניט פון אידישקייט, איז עפּעס אַנדערש. אַ בן יחיד ביי זיין טאַטען. געזשאַלעוועט איהם צו שלאָגען. נו, איז ער אויסגעוואַקסען אַזאַ ווילדער... קיין שייטעל עברי קען ער ניט, פרימע־

ריטשע, זאָלסטו מיר מוחל זיין! אָהאָ, אויפּהאָדעווען אידישע קינדער, זיי זאָלען זיין פרומע אידען, מוז מען שלאָגען. אויף וואָס דען, פרימעריטשע, זענען בעשאַפען געוואָרען רימענע לאָקשען? א בייטש? ריטער? פערשטעהסטו, זלמנקע? כדי אידישע טאטעס זאָלען האָבען מיט וואָס צו קאַטעווען אידישע קינדער!... אַז מען וויל, פרימעריטשע, אַז אַ פערד זאָל זיין אַ לייט, מוז מען איהם קאַטעווען, היינט אַ פשיטא אידישע קינדער זאָלען זיין נאַסטאַיאַשצע אידען, מוז מען זיי אודאי קאַטעווען... אָהאָ, זאָלסטו מיר מוחל זיין, און טענה ניט!

ז ל מ ן : דאָ דאַרף מען קאַטעווען, אויף יענער וועלט וועט מען קאַטעווען... אוי, עס איז אַ מחיה צו זיין אַ איד! (זינגט) סאַשינקא, מאַשינקאַ, דושענקאַ פאַראַשינקאַ, אוי־ליולו, אוי ליולו...

ח אַ צ ע : איהר הערט, ר׳ נחום? „סאַשינקאַ און מאשינקאַ“, איך מיין עפּעס!... וואָס־דען האָט ער זיך דאָ געקאָנט אויסלערנען, ביי די פישער, צו זינגען אַ האַרציגען זכרנו'לע, וואָס? אוי, ר׳ נחום, די ביטערע חיונה! וויפיעל אידען רייסט עס אוועק פון אידישקייט, איך מיין עפּעס!...

נ ח ו ם : טאַקע אַזוי, ר׳ חאַצע, די חיונה. וואו האָט מען אַ מאָל געזעהן אַזוי פיעל אידישע פישער, וואָס זאָלען אַרבייטען ווי פשוט'ע ערלים? אַ מאָל איז איין הירש בער געווען דער איינציגער אידישער פישער אין דאָרף און אַצינדער...

פונ'ם הויף הערט זיך הירש־בער'ס קול: חאַצע, זלמן, די וועלף זאָלען אייך פרעסען!

ז ל מ ן : הירש בער שרייט שוין! ער איז שוין אין כעס. (שרייט) ר׳ הירש בער, מיר זענען שוין באַלד פערטיג. ר׳ חאַצע, אָט איהם וואָלט איהר בעסער אויסגע'מוסר'ט, ער זאָל אויף אונז אַזוי ניט שרייען, דער אַלטער בעל עבירה'ניק...

ח אַ צ ע : (זעצט זיך צוריק אַרבייטען) ער מעג שרייען, ער איז דאָ דער גלאַוונע פישער. ער איז מחויב אָבצוגעבען דין וחשבון דעם בעל הבית פאַר אונז...

ה י ר ש ב ע ר מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, ווי ביי אַ פאַטריאַרך, אין אַ ברייטען פלאַשץ, מיט אַ שוואַרצען רימענעם פאַרטוך, גרויסע הענדשקעס, געלע ברייטע שטיוועל. הינקט צו אויף אַ פוס.

ה י ר ש ב ע ר : פֿאַר וואָס האָט איהר נאָך ניט אויסגע־פּעכט די שיפּען? דער בעל הבית קומט באַלד פון שטאָדט...

ז ל מ ן : אָט באַלד זענען מיר פאַרטיג מיט'ן נעוואָד, וועלען מיר אַרויס פּעכען. ר' הירש בער, אָט דאָ, אויפ'ן רעכטען פליגעל, האָבען מיר געפונען אַ גרויסע לאָך...

ה י ר ש ב ע ר : ווי גרויס?

ז ל מ ן : אָט ווי האַצעס קאָפּ אודאי. (לאַכט)

ה י ר ש ב ע ר : אויב ניט גרעסער ווי האַצעס קאָפּ, אי־ז אָהן סכנות. אַבי ניט די גרויס ווי דיין נאַר, מורילע דו, אַ טראַכצע דיר אין הערצעלע. (טהוט אויס דעם פלאַשין, און דאַן הויבט ער אָן פון זיך צו וואַרפען זעק, וואָס זענען אַרום איהם אַרומגעבונדען, אַ גאַנ־צען באַרג).

ז ל מ ן : (פערוואונדערט) וואָס זענען דאָס פאַר אַ זעק, ר' הירש בער?

ה י ר ש ב ע ר : (שמייכעלט) די זעק? אַ סמן, אַז גאָט פערלאָזט ניט אַזאַ צדיק ווי מיך... איך דארף זיי טאקע נויטיג האָ־בען. (צולאַכט זיך) אוי אַ פויערשער קאָפּ!... כא, כא, כא... הערט אַ מעשה!... איך פאָהר פערביי איוואַן דעם סטאַראָסטע מיט דער קאַרזינע דגים צום לעדאָווניק, שטעלט ער מיך אָב: — זדאַרוע, ריש בער. — זדאַרוע. — פיהרסט פיש? — פיש, ר' איוואַן. דערמאָנט ער מיך, אַז איך האָב נעכטען ביי איהם געבעטען אַן אָקס לייהען. אויב איך וויל, זאָגט ער, קען איך אצינד געהן אין קלייט צו איהם און זיך אויסקלייבען אַן אָקס. מילא, פערשטעהט דאָך מיינער, אַז ר' איוואַן וויל אַליין בלייבען נעבען דער קאַרזינע דגים... אָבער איך טראַכט מיר: גוט, ר' איוואַן, דו בלייב אַליין נעבען מיינע דגים און איך אַליין אין דיין קלייט, מיר וועלען זעהן, ווער עס וועט וועמען בעסער אָנפּייפען, טראַסצע טוואָיעי מאַטערי!... הקצור, איך געה אַריין אין קלייט און קוק זיך אַרום אויף ר' איוואַנען, און ער איז אַריינגעקראָכען אין קאַרזינע מיט אַלע פיער ווי אַ גוטער דבר אחר, מחילה. שלעפּט די פיש פון קאַרזינע און שפּאַרט זיך אונטער'ן בוזים. מיינער דערזעהט דערווייל אין קלייט אַן אוצר מיט זעק. כאַפּט מיינער אַרונטער די דעליע פון זיך און נעהמט וויקלען אַרום זיך אַ זאַק נאָך אַ זאַק: זה כפרתי, זה הזאַק פאַר מיינע דגים, וואָס ר' איוואַן האָט געלאַטכענט, ונאמר אמן:

אָנגעטהאָן אויף זיך ווידער די דעליע, געטהאָן אַ גוטען שמעק טאַ־ביק, גענומען אַן אַקס און האידאַ, אַרויס צו ר׳ איוואַנען... און ער שטעהט זיך ביי מיין וואָגען מיט ביידע הענד ביים בוזים, פער־דעקט הייסט עס די פיש, איך זאָל זיי ניט זעהן. מיינער אָבער טהוט איהם אַ פּאָרשקע אונטער׳ן לעפּעלע: קיטץ־קיטץ!... ער טהוט זיך אַ טרייסעל און טרייסעלט אַרויס די גאַנצע פיש פון אונטער׳ן בוזים. און ר׳ איוואַן האָט מיר טאַקע אָנגעפּייפט. כאַ, כאַ, כאַ!... (אַלע לאַכען.)

ח אַ צ ע: און איך האָב געהערט, ווי דער קעלמער מגיד האָט גע׳דרש׳נט, אַז דער, וואָס גנב׳עט אַ פערד צי אַ נאָדעל, צי ביי אַ גוי צי ביי אַ אידען, להבדיל, איז אַלץ איינס אַ גנב. פע, איך מיין עפּעס!...

ה י ר ש ב ע ר: ברוכים הבאים, דער קעלמער רעדט שוין! ווילסט אַ שמעק טאַביק, חאַצע? קעלמער מורילע דו, איך האָב ביי איהם גע׳גנב׳עט? איך האָב דאָך נור מיט איהם אַ בייט גע־מאַכט. ער האָט ביי מיר גענומען פיש בלא רואה, און איך ביי איהם זעק בלא רואה. (אַ קלינגען פון גלעקלעך דערהערט זיך) דער בעל הבית פון שטאָדט! נו קעלמער, זלמן, ארכיפ, סטעפאַן, אַרויס מיט׳ן נעוואָד און געפּעכט די שיפען (אַלע כאַפּען זיך צום נעוואָד, מען לעגט איהם צונויף און מען טראָגט איהם.)

ז ל מ ן: גיכער, ר׳ חאַצע, קעהר זיך! דער בעל הבית!

ח אַ צ ע: (העלפענדיג שלעפּען דעם נעוואָד) וואָלט איהר אַזוי מורא געהאַט פאַר גאָט, ווי איהר האָט מורא פאַר דעם בעל הבית.

(אַלע, אויסער הירש בער און נחום, אַרויס מיט אַ שטיל געזאַנג.)

נ ח ו ם: (אַליין מיט הירש בער׳ן) ר׳ הירש בער, וועט איהר ניט פערגעסען, פּרימעריטשע, וואָס איך האָב אייך פריהער געבעט־טען וועגען צונעהמען יענקלען פאַר אַ פישער?...

ה י ר ש ב ע ר: אַז דו וועסט שטעלען אַ קווערטעלע י״ש, וועלען מיר איהם צונעהמען. ביי אונזערע פישער פעהלט טאַקע אַזאַ תלמיד חכם, ווי יענקעלע...

נ ח ו ם: אַ קוואָרט נור? אַ טאָפּ וועל איך אייך געבען, פון דעם בעסטען ספּיריט, אַבי מאַכט יענקלען פאַר אַ לייט... אָט איהר פערשטעהט דאָך, ר׳ הירש־בער, מיין פּאָלאזשעניע, פּרימע־

ריטשע. יענקעלע מוז דאָך זיין מיין חייקעלעס חתן... אוי, פּאַסקודנע, און טענה ניט!...

ה י ר ש ב ע ר : דער שידוך בלייבט טאַקע צווישען יענקעלען און דיין חייקען?

נ ח ו ם : (מיט אַ רחמנות פּנים) ווי־זשע דען, ר׳ הירש בער? אַ תקיעת כף, זאָלט איהר מיר מוחל זיין! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטען, אַז יענקעלע וועט אויסוואַקסען אַזאַ דזשיקאַן, פּרימעריטשע?... ביי מיין חייקעלען אויפ׳ן מזל טוב איז דאָס געווען. זי איז דעמאָלט געווען אַ ציפּליאַניקעל, איין וואָך אַלט און יענקעלע אַ שטשאַניקעל, צוויי יאָהר אַלט, — מאַכט צו מיר מיין ברודער ישעיהו דעמאָלט אויפ׳ן מזל טוב: „נחום־סערדצע, דו האָסט, פּרימעריטשע, אַ ציפּליאַניקעל חייקעלע און איך האָב אַ שטשאַניקעל יענקעלע, זאָלען זיי זיין חתן כלה...“

ה י ר ש ב ע ר (ברעכט איהם אונטער): איך וויים, איך וויים!... איהר האָט געמאַכט אַ תקיעת כף, אַז דער שטשאַניקעל זאָל נעהמען דעם ציפּליאַניקעל, איז אָבער דער שטשאַניקעל אויסגעוואַקסען אַ ווילדער בייקעלע, זאָגסטו, אַז ער טויג ניט פאַר דיין חייקעלע. איך וויים עס דאָך, וואָס מאַראָטשעסטו מיר מיט דעם ווידער דעם קאָפּ?

נ ח ו ם : עס טהוט אַזוי וועה, ר׳ הירש בער, זאָלט איהר מיר מוחל זיין! אָט איך, פּרימעריטשע, בין דאָך אויך ניט קיין גרויסער למדן, דאָך קאָן איך זאָגען אַ קאַפּיטעל תהילים פון׳ם גראָבען סידור, אָבער יענקעלע?...

ה י ר ש ב ע ר : וואָס מאַכט ישעיהו?

נ ח ו ם : קוים וואָס ער לעבט... ער האָט היינט געשיקט נאָך מיר, ער וויל, זאָגט ער, היינט זאָל זיין דער קנין מיט חייקעלען... עך, ווען מיין ברודער ישעיהו וואָלט געזונד געווען, איך וואָלט שוין ביי איהם דעם תקיעת כף ארויסגעריסען. מיט געוואַלד, מיט געשלעג, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. אָבער אַזוי? גערט שלאָג זיך מיט אַ קראַנקען! ער קאָן נאָך שטאַרבען, פּרימעריטשע, און דערנאָך וועט קיין רוה פון איהם ניט זיין... עך, פּאַסקודנע, און טענה ניט....

(פון׳ם פיהר־הויז אַ געפּילדער.)

ה י ר ש ב ע ר : שאַ, דער בעל הבית געהט! און דו

טענה אויך ניט אזוי פיעל, מורילע, דו ! געה און שיק אהער יענ־קעלען. זאָל ער אליין בעטען דעם בעל הבית.

נ ח ו ם : וועט איהר אויך ארייננווארפען א גוט וואָרט ?

ה י ר ש ב ע ר : יאָ, יאָ, אבי טשעפּע זיך אָפּ פון מיר.

נ ח ו ם : איהר וועט פון מיר קריגען א ריכטיגען טאָפּ, און טענה ניט ! (אָב.)

א י צ ע פּ אַ ס ט ע ר נ י אַ ק, 40 יאָהר אַלט. אַ שעהנער איד, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ שוואַרצע באָרד, אָנגעטהאָן מעשה שטאָדטישער בעל הבית. הינטער איהם ז ל מ ן מיט אַ טשעמאָדאַן.

א י צ ע : אָ גוטען, ר' הירש בער, או־ווא, היים !... (ווישט זיך דעם שטערען.)

ה י ר ש ב ע ר : שלום עליכם. זלמן, זאָג נאַטאשא'ן וועגען סאמאָוואר.

ז ל מ ן : (שרייט) נאטאשא ! נאטאשא !...

נ אַ ט אַש א : (פון'ם פּיהר־הויז) האָ־הו, האָ־הו...

ז ל מ ן : דערלאנג דעם סאמאָוואר.

נ אַ ט אַ ש אַ מיט אַ לאַנגען, בלאָנדען צאָפּ, פערפלאָכטען מיט אַ רויטע סטענגע, מיט קאראָלען אויפ'ן האַלז, אַן אונטערגעקאַשערט קליי־דעל אין קעסטאלאך, אין גרויסע שיך אָהן שנירליך, פון וועלכע עס קו־קען אַרויס די נאַקעטע פיס, טראָגט אַריין אַ קאָכעדיגען סאַמאָוואר און אין גאַנג סקראָבעט זי מיט די שיך.

נ אַ ט א ש ע : אָט דאָ איז דער סאמאָוואר. שריי ניט, זלמן, דו וועסט נאָך אוספּייען אָנצוזשלאָקען זיך מיט דעם טהעע. (שטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפ'ן טיש און רייבט די נאָז אָן אַרבעל).

ז ל מ ן : און וואו זענען די גלעזער ?

נ אַ ט אַ ש א : איך ברענג, איך ברענג, זאראַז. (אָב, סקראָ־בענדיג מיט די שיך).

ז ל מ ן : (צום בעל הבית מיט אַ אונטערטהעניגער מינע) בעל הבית, היים, הא ?

א י צ ע : או־ווא, ס'רא היטץ !

ז ל מ ן : טהוט זיך פונאנדער. טהוט אוים דעם בגד. (שלעפּט פון איהם אַראָב דעם בגד און לעגט אָן אַ זייט) או־ווא, ס'רא היטץ, טאַטעלאַך ! גוט פערשוויצט, בעל הבית, הא ? טהוט אוים די שטיוועל. גיט, איך וועל אראָבשלעפּען. (איצע זעצט זיך. זלמן

שלעפּט אַרונטער פון איהם די שטיוועל, שטעקט אהין אריין די נאָז און פארשקעט). אוי, אוי, וואָס פאַר אַ שוויים! אַר־וואַ, אַ מורא! (וואַרפט די שטיוועל אונטער'ן טיש, דערלאַנגט איהם שטעק־שיך). אָנ־גיסען אייך טהעע, בעל הבית?

נ אַ ט אַ ש א אַריין מיט די גלעזער.

ה י ר ש ב ע ר: זעה נור זעה, ווי ער האָט זיך צו טאַראַ־ראַטשעט, די קאַלאַקאַטקע! זלמן, איך האָב פיינט אַ מענשען מיט הינטישע תנועות! קריך ניט אזוי צום בעל הבית אין די אויגען, פאַר אַן איידעם וועט ער דיך ניט נעהמען, מורילע דו! נאַטאַשאַ, גיס אָן די גלעזער...

נ אַ ט אַ ש א: איך גיס, איך גיס, ריש בער. טשודנע מענ־שען, אזוי היים, און זיי פאַרען זיך נאָך מיט'ן קאָכעדיגען טהעע! (גיסט אָן) נאַט, פאַרעט זיך, נאַט... (רייבט זיך דעם פערשוויצטען שטערען אָן אַרבעל. אַלע חוץ איהר זעצען זיך צום טיש).

א י צ ע: נאַטאַשאַ, רוף אריין חאַצען, טרינקען טהעע.

נ אַ ט אַ ש אַ: הא? חאַצען? דאָבזשע! (קוקט אויף איצען און קראַצט זיך אין רוקען) כאָזאַאין, הא, כאָזאַאין, געבראַכט, הא?...

א י צ ע: וואָס געבראַכט?

נ אַ ט אַ ש א: אָט די מתנה...

א י צ ע: אוי, אוי, ווידער פערגעסען... נו, נאַטאשאַ, אויף נאמנות, דעם צווייטען מאָל וועל איך שוין ניט פערגעסען... וועל דיר ברענגען אַ גאָלדענעם פינגעריל, אויף בלאַ, אם ירצה השם...

נ אַ ט אַ ש א: הע, הע, כאָזאַאין, הע, הע, (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) ניט גוט צו אָבמאַנעווען, ניט גוט אָבצונאַרען, ניט גוט!...

א י צ ע: די ערל'טע איז מבין אַן אינטערעס...

ה י ר ש ב ע ר: (שטעהט אויף פון'ם טיש און הינקט צו צו איהר מיט דער פושקע טאַבאַק אין דער האַנד) אָט איך האָב פאַר דיר אַ מתנה, אַ גוטען שמעק טאַביק. ווילסט? (רוקט איהר די פוש־קע אונטער דער נאָז).

נ אַ ט אַ ש א (שפּרינגט אָב און ניסט): ביזטו משוגע? וואָט פּראָקליאַטי! די הענד זאָלען דיר אָבדאַרען, ריש בער. (ניסט און לאַכט. אַלע לאַכען מיט איהר).

ח אַ צ ע קומט אַריין, ווישט זיך די הענד אָן אַרבעל פון זיין העמד. זעצט זיך צום טיש.

ח אַ צ ע : נאַטאַשאַ, שייל אָן אַביסעל קאַרטאָפעל. (זי וויל געהן).

א י צ ע : שטעה, נאַטאַשאַ, נאַ דיר צו נאַשען. (גיט איהר עטליכע שטיקלאַך צוקער).

נ אַ ט אַ ש א : ספּאַסיבאַ! (נעהמט איין שטיקעל אין מויל אַריין, די איבריגע בעהאַלט זי אונטער'ן בוזים. פּלוצים דערהערט זיך פון דרויסען אַ קנאַקען פון אַ נאַבטיגאַל. ביי נאַטאַשאַ'ן הייבט אָן דאָס פּנים צו שטראַהלען און די אויגען לייכטען) איהר הערט? יענקעלע מאַכט עס, אַלע פייגעלעך מאַכט ער נאָך, דער שעלמא!... (לויפט ארויס פון שטוב, סקראַבענדיג מיט די שיך.)

י ע נ ק ע ל ע בעוויזט זיך פערביי פענסטער אויפ'ן הויף, אָנ־קומענדיג פון דער זייט, וואו עס געפינט זיך די אָזערא. ער קומט אַריין אין דאָס פישער שטיבעל. טראָגט אַ שוואַרצען פּידזשאַק מיט אַ רויט, געבלומט טיכעל אַרום האַלז און לאַנגע שטיוועל, אויסגעשמירטע מיט דיעגאַכץ.

י ע נ ק ע ל : (מיט אַ באַסאָווען קול) גוט מאָרגען.

ה י ר ש ב ע ר : הא, אן אורח, בוילע! וואָס מאכסטו עפּעס, תלמוד חכם? וואָס האָסטו זיך עפּעס אזוי אויסגעפּוצט, ווי א גראף, יענקעלע? זעה נור, זעה, א פאַטשיילקע אויפ'ן האלז. די שטיוועל מיט דיעגאַכץ אויסגעשמירט. וואָס איז דאָס היינט פאַר אַ יום טוב אויף דיין קאָפּ, יענקעלע?

ז ל מ ן : ער געהט זעהן א כלה, איוואַן דעם סטאַראָסטעס הינקעדיגע קליאַטשע. אמת, יענקעלע?...

י ע נ ק ע ל : דו, זלמן, בישט מיר א גרוישער כיטרעץ. דו בעשער שווייג!... (זעצט זיך רייטענדיג אויף אַ בענקעל. נ אַ ט אַ ש אַ קומט אַריין מיט קאַרטאָפעל אין'ם קלייד. דערזעהן איהם, טהוט זי צו איהם פרעהליך אַ מאַך מיט'ן קאָפּ, ווישט מיט'ן פויסט די נאָז. ער ווינקט צו איהר מיט אַן אייגעל. זי צולאַכט זיך אין זיך, קעהרט אָב דעם קאָפּ, שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע און שיילט קאַרטאָפעל. ער ווענדעט זיך דאַן צום בעל הבית) : בעל האַבוש, איך האָב געהערט, אז איהר זשייט דאָ, בין איך געקומען...

ה י ר ש ב ע ר : א דאנק דיר טאקע, יענקעל, פאַר דער טרחה.

י ע נ ק ע ל : לאָזשט מיך, ר׳ הירש בער, לאָזשט מיך. איך האָב אַ טובה צום בעל האבוש... (קראַצט זיך דעם קאָפּ) בעל האבוש, איך האָב בעקלעהרט, אַזש אַזשוי איזש קיין טאָלק ניט ארומ־צוגעהן לעדיג און איך האָב געזשאָגט מיין טאטען, אזש איך געה צום בעל האבוש און איהם זשאָגען, אזש איך אַ פישער וויל ווערען און באַסטאַ.

ה י ר ש ב ע ר : אך, א כוואראָבע אויף דעם בוילע. האָסטו געהערט, ס׳ראַ טובה ער וויל טהאָן דעם בעל הבית !...

א י צ ע : (מיט אַ שמייכעל) ער מיינט א בקשה. ער וויל זאָגען, אז ער האָט א בקשה צו מיר, ניט קיין טובה.

י ע נ ק ע ל : (טהוט זיך אַ הויב מיט התפּעלות פון׳ם בענקעל)... טאַקע, בעל האבוש, טאַקע, אַ בקשה... יעי באָהו, א בקשה ! טהוט מיר בעל האבוש די בקשה, טהוט די אדאלזשעניע. (אַלע חוץ חאַ־צען לאַכען. נאַטאַשא קוקט זיך אום און לאַכט אויך, פאַרשטעלענדיג דאָס מויל מיט דער האַנד, אין וועלכער זי האַלט אַ קאַרטאָפעל.)

ח אַ צ ע : (מיט וועהטאָג) אויך אַ איד, וועה איז מיר, איך מיין עפּעס !...

ה י ר ש ב ע ר : (מיט אַ גמרא ניגון) אוי איז עס אַ גאון ! אוי איז עס א תלמוד חכם ! נו ר׳ יענקעלע הגאון, מיר וועלען דיך נעהמען פאַר אַ פישער, ווען דו ועסט פאַר אונז מאכען קידוש...

ח אַ צע : איהר זייט אלע גאונים, איך מיין עפּעס...

ז ל מ ן : ר׳ הירש בער, זאָל יענקעלע זאָגען איזהו מקומן !

י ע נ ק ע ל : (ווערט בייז) דו זלמן, שווייג בעשער, מאַ־ראָטשע ניט, איך קען זשאָגען ווי דו אייזשעגו מאקא... מאקא... (קען ניט אויסריידען, ווערט ער נאָך שטאַרקער אין כעס און טהוט אַ שפּיי) טפוי... די וועלף זשאָלען דיך פרעשען, זלמן ! (קוקט אויף איהם בייז און זעצט זיך ווידער אויפ׳ן בענקעל. אַלע לאַכען נאָך העכער, אין דיעזער צייט דערהערט זיך אַ שניידענדיג געשריי פון אַ קראָ. יענ־קעלע שפּרינגט ווידער אויף צו שראָקען) א וואראָנע ! די וועלף זשאָ־לען זשי לופען !...

ה י ר ש ב ע ר : זעהסט ווי ער האָט זיך דערשראָקען פאַר דער וואראָנע. דאַכט זיך אַזאַ געזונטער חברה־מאַן און שרעקט זיך

רק, אז אימיצער זאָל איהם ניט צוכאַפּען... פאַר צוויי יאָהרען, אז ביי איהם איז געשטאָרבען זיין דריי יעהריגע שוועסטערעל, האָט ער א גאַנץ יאָהר דעמאָלט מורא געהאט ארויסצוגעהן אַליין ביי נאַכט, טאָמער וועט זי איהם צוכאַפּען... נישקשה, פאַר לעבעדיגע מיידלאַך, ווען זיי זענען אפילו עלטער פון דריי יאָהר, האָט ער ניט מורא, א כוואַראַבע איהם אין הערצעלע. (יענקעלע לאַכט) נו, לאַכט ער. עס איז איהם געפעלען, דעם תנא ברא !

יענקעלע : איך האָב ניט מורא... פאַר קיינעם האָב איך ניט מורא... אָבער א וואראָנא איזש אַ פאַגאַנער פויגעל, אזש זשי קראַקעט, וועט זשיין אַ ביעדאַ... טפוי...

איצע : ווילסטו, הייסט עס, יענקעלע, ווערען אַ פישער? וועסטו זיך ניט פוילען?

יענקעל : איך'ל זשיך פוילען ? (טהוט זיך אַ קלאַפּ אין די ברוסט) בעל האבוש ! פגר'ן, קראַפּירען זשאָל איך, אויב איך'ל זשיך פוילען. אָט, בעל הבוש !... (מאַכט אַ בעוועגונג, ווי צו צלם'ען זיך.)

חאַצע (מיט שרעק): אוי, ער וויל זיך צלם'ן !...

יענקעל (צומישט, לאָזט אַראָב די האַנד): טפוי, איך האָב זשיך אָבער ניט געטשיילעמט... איך בין אַ איד ווי חאַצע, ווי הירש בער, ווי דער בעל האבוש... איך האָב זשיך ניט געטשיילעמט... עס איזש נאָר אַ פריוויטשקא אַזשאַ פאַסקודנע ! (קלאַפּט זיך איבער דער האַנד) וואָס דאזשא !

איצע : זלמן, גיב יענקעלען אַ פאָר פישערשע שטיוועל. גוט, יענקעלע, פון מאָרגען אָן איז דיין חודש...

זלמן : (שטעהט אויף שלעפּט אַרויס פון אַ ווינקעל אַ פאָר פי־שערשע שטיוועל) נאַ, יענקעלע, זאָלסט אָבער שלעפּען דעם נעוואָד. אניט וועט הירש בער די קישקעס פון ביר אַרויסנעהמען...

יענקעל : איך האָב ניט מורא (בעטראַכט די שטיוועל מיט התפעלות. טאַנצט אונטער) אַהאַ, איך בין א פישער ! איך בין אַ פישער !...

הירש בער : צופריעדען, יענקעלע, האַ? נו, טאַנץ טאַקע, יענקעלע. ווייז דעם בעל הבית וואָס פאַר אַ גאון דו ביזט...

יענקעלע : ניין, ניין, אַנאַנדערשמאָל... (געהט צו צו

איצע׳ן) ספּאַסיבאָ, בעל האבוש !... (דריקט איהם די האַנד און נויגט זיך.)

הירש בער: נו, זאָל זיין אַנאַנדערסמאָל, תלמיד חכם מיינער... האַצע, זלמן, אַרויס צו די שיפען !... בעל הבית, איהר געהט אויך מיט אונז ?...

איצע: יאָ, יאָ... (אַלע הויבען זיך אויף פון׳ם טיש און געהען צו דער טיר. ווען זלמן געהט פערביי נאַטאַשאַ׳ן, טהוט ער זי פער׳גנב׳עט אַ קיצעל. יענקעל בעמערקט עס, טהוט ער זיך אַ צאַפּעל און קוקט אָן מיט אויפגערעגטע אויגען נאַטאַשאַ׳ן. ווען אַלע זיינען אַרויס, געהט ער צו צו נאַטאַשאַ׳ן, טראָגענדיג די שטיוועל איבערען אַקסעל, און טהוט זי אויפגערעגט אַ שלעפּ צו זיך.)

יענקעל: העי, דו !...

נאַטאַשאַ: וואָס ? (לאַכט).

יענקעל: נאַטאַשאַ, איך האָב געהערט, אַזש זלמנקע איזש מיט דיר... נאַטאַשאַ, אויב דאָש איזש עמעש... זשעה, נאַטאשא, היט דיינע ביינער !...

נאַטאַשאַ: וואָס מיר זלמנקע ?... וואָס רעדסטו יענקעל !... איך האָב דיך ליעב, יענקעל, און באַסטאַ !... זלמנקע איז אַ שעלמאַ, פון מיינטוועגען מאָג ער פערברענט ווערען !...

יענקעל: (דריקט זי ליידענשאַפטליך צו זיך) איזש דאָש עמעש, נאַטאַשאַ? זשאָג, דעם גאַנצען עמעש, זשאָג! איך בין אָשאַלעיעט, נאַטאַשאַ, אָשאַלעיעט... איך האָב דיך ליעב, נאַטאַשאַ, אָט ווי איך האָב דיך ליעב, שעלמאַ !... (דריקט זי ווילד.)

נאַטאַשאַ: (שרייט פאַר וועהטאָג) יענקעל, קוועטש ניט אַזוי, דו וועסט מיר די דושאַ אַרויסקוועטשען !...

יענקעל: (לאָזט זי אָב) האָשט מיך ליעב שטאַרק ? נאַטאַשאַ, שטאַרק, האַ ?

נאַטאַשאַ: איך האָב דיך זעהר ליעב, יענקעל, דושע, סאָקאָל טי מאָי !... זאָל איך לאָפען אויפ׳ן אָרט, אויב איך האָב דיך ניט ליעב !... (נעהמט איהם ארום) יענקעל, סאָקאָל טי מאָי ניענאַגליאַדני !...

יענקעל: (לאַכט אויפ׳ן באַס) הו־הו־הו! (גלעט איהר צערטליך דעם קאָפּ) דו קראַסאַוויצאַ מיינע, עך, ווי שעהן דו ביזט, שעלמאַ, די וועלף זשאָלען דיך פרעשען !...

נ אַ ט אַ ש אַ : דו לײגסט, יענקעל, דו האָסט מיך ניט ליעב... דו האָסט שוין אַ כלה, דײן פעטער נחום'ס חײקען...

י ע נ ק ע ל : חײקען? טפוי!... זשי איזש מײן כלה? הור־הו!... נאַטאַשאַ, קראַפּירען זשאָל איך װי אַ הונד, אויב זשי איזש מײן כלה!... איך האָב זשי פײנט, נאַטאַשאַ, אַ פּאַגאַנע מײ־דעל איזש חײקע, אַ צװאָנציג יעהריגע כאָליערע אויף איהר!...

נ אַ ט אַ ש אַ : (דריקט זיך צו איהם) דײן כלה, יענקעל, מוז זײן אַ קראַסאַװיצאַ, די שעהנסטע אין'ם דאָרף... פּאַניעמײעש, אַ מײדעל אָט אַזאַ, אַז בײ די כלאָפּציעס זאָלען די אויגען אַרויס, אָט װי!... דו ביזט דער בעסטער טענצער אין'ם דאָרף, דער בעסטער זינגער אין'ם דאָרף... און געזונד און שטאַרק ביזטו, סאָקאָל דו מײן שעהנער, אָט װי אַ יונגער דעמב!... און חײקע איז דיך ניט װערטה. יעי באָהו, זי איז דיך ניט װערטה... װאָס פאַר אַ מײדעל איז זי, אַז טאַנצען קען זי ניט, זינגען קען זי ניט, און אויף איגרישצעס געהט זי ניט. (טהוט זיך אַ כאַפּ) אָט איז זי!...

ח י י ק ע אין איהר טאַטענס שטיװעל, אין אַ קורצען קלײדעל מיט אַ סיטצענער קאַפּטע, אַ דאַרע, מיט אַן אויסגעמוטשעט פּנים, אַ פולען קאָפּ מיט פעדערען, קומט מיט אַן אימפּעט אַרײן. דערזעהן יענקלען מיט נאַטאַשאַ'ן, בלײבט זי שטעהן, ציהט אָב דעם אָטהעם און פערברעכט די הענד.

ח י י ק ע : (מיט שרעק) יענקעלע! איך זוך דיך... דײן טאַ־טע... ער שטאַרבט דאָרטען... און דו שטעהסט דאָ מיט דער שיק־סע... אוי, בוילע!...

י ע נ ק ע ל : װאָש דו מאַראָטשעסט, ער שטאַרבט! דו שטאַרב, פּאָגאַננאַיאַ דו!...

ח י י ק ע : אוי, יענקעל, זאָל איך ניט דערלעבען ביז מאָר־גען. איך זאָג דיר, ער שטאַרבט! לויף גיך אַהײם... דו װאָלסט בע־סער אַ קאַפּיטעל תהילים געזאָגט, װען דײן טאַטע שטאַרבט, און ניט זיך געהאַלובעט מיט אַ שיקסע!...

י ע נ ק ע ל : איזש דאָש עמעש, חײקע? ער שטאַרבט?... (שטרענג) זשעה, חײקע, אויב דער טאַטע ניט שטאַרבט, װען דו מיך אָבמאַנעװעסט, די בײנער װעל איך דיר צוברעכען, געדענק!... (װײזט איהר דעם פויסט.)

ח י י ק ע : ער שטאַרבט, ער שטאַרבט... מיר האָבען גע־

וואוסט, אז ער וועט שטאַרבען: אייער הונד באַרבאָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואָיעט... לויף אַהיים. איך געה רופען די פישער, זיי זאָלען זיין ביי זיין מיתה... (אָב רעכטס).

י ע נ ק ע ל : נאַטאַשאַ, דער טאַטע שטאַרבט, דאָס איזש עמעש! באַרבאָס האָט טאַקע געוואָיעט... איך האָב אליין געהערט... איך וועל געהן אַהיים... (מיט פערדרוס און צערטליך) און איך האָב מיט דיר אין וואַלד געוואָלט געהן, האלובושקא־נאַטאַשא... פּראָשצאַי!

נ אַ ט אַ ש אַ : פּראָשצאַי, יענקעל. (קושט איהם) איך וועל שפּעטער קומען צו דיין טאַטען אין שענק...

ישעיהו'ס שענק.

אַ קרעטשמע. שוואַרצע פעררויכערטע ווענד. אין דעם פאָדערגרונד אַ בעטעל. דער קראַנקער י ש ע י ה ו אויף איהם. פ ר ו מ ע, זיין פרוי, מיט אַ ווייס הייבעל אויפ'ן קאָפּ, שטעהט ביי זיין צוקאָפּענס און וויינט. נ ח ו ם אין אַ ווינקעלע מיט אַ תהילים אין דער האַנד זאָגט אין דער שטיל תהילים. פון אַ הינטערשטען חדר אַ שטילער געזאַנג פון פּויערים, וואָס טרינקען דאָרט...

י ש ע י ה ו : (קרעכצט) אוי, אוי, די ערלים!... פרומע בעט זיי, זיי זאָלען אַזוי ניט געוואַלדעווען... אוי, פרומע, איך שטאַרב... וואו זענען די אידען?... וואו איז יענקעלע? כאָטש ווידו זאָגען ווי אַ איד! (קלאַפּט זיך אין האַרצען) חטאתי, עויתי, פשעתי לפניך... אוי, גאָטוניו־פאָטערל, מיין גאַנץ לעבען האָב איך אָבגעוואָהנט צווישען גוים, אַ בלינדער מענש בין איך, אַן עם הארץ, די אידישקייט דיינע האָב איך ניט אָבגעהיט... שטראָף מיך ניט צו שווער, גאָטוניו!... געוואַלד, וואו זענען די אידען? נחום־סערדצע, וואו ביזטו?...

פ ר ו מ ע : (צו נחום'ן) נחום, ישעיהו רופט דיך...

נ ח ו ם : (צוגעגאַנגען מיט רחמנות אין'ם קול) דו רופסט מיך, ישעיהו־סערדצע?

י ש ע י ה ו : איך וויל ווידו זאָגען, איך קען ניט אויסוועניג... אפשר קאָנסטו, נחום־סערדצע?...

נ ח ו ם : איך? (קראַצט זיך אונטער דער פּאַכווע) פון וואַנען זאָל איך קאָנען, פּרימעריטשע? קוים וואָס איך קאַראַבקע זיך אַרויס פון דעם תהילים, זאָלסטו מיר מוחל זיין!... אוי, ברודער־

סערדצע, מיר זענען גלייכע למדנים!ביידע וועלען מיר דארטען קריגען גלייך געהאקט מיט די אייזערנע ריטער, ביידע, און טענה ניט!...

י ש ע י ה ו : (כאפט איהם אן פאר א האנד מיט שרעק אין'ם קול) אוי וועט מען דארטען שטראפען... מען וועט בראטען, ברע־נען... זשארען אויף הייסע סקאווארודעס... קאכען אין פעסער פעך. איך האב אזוי מורא... איך בין אזוי וועניג איד. (קלאמערט זיך אן נחום'ס הענד). אוי ראטעווע, לאז מיך ניט שטארבען, איך האב מורא צו קומען אהין פאר גאט!... און מיין בן יחיד, מיין יענקעלע, וועט ער כאטש קאנען קדיש זאגען, ווי א איד? אוי (פאלט צוריק אויפ'ן קישען, קרעכצט און קלאפט זיך אין הארצען) ~~חטאתי, עויתי, פשעתי לפניך~~... (פון דרויסען א ווילדער רעווען פון א ביק און יענקעל'ס קול: טשאך־טשאך־טשאך! הא־הא, זאריעזש טעביא וואלקי! ...)

פ ר ו מ ע : יענקעל איז שוין דא... (דער קראנקער שעפצעט עפעס, דאס זינגען אין'ם הינטערשטען חדר האט אויפגעהערט.)

י ע נ ק ע ל ע מיט די שטיוועל איבער'ן אקסעל קומט אריין.

י ע נ ק ע ל : דער ביק ברעכט זשיך, יאגט זשיך נאך דער לאבאטער בהמה!...

פ ר ו מ ע : ש־ש־ש... (יענקעל קוקט זי אן. דאן שטעלט ער אן די אויגען אויף זיין קראנקען טאטען, טהוט א שמיץ די פישערשע שטיוועל אין א ווינקעל און געהט צו צום בעט.)

י ע נ ק ע ל : וואש איזש דיך, טאטע?

י ש ע י ה ו : ~~בגדנו, גזלנו~~. (יענקעלע קוקט זיך ארום צו־שראקען.)

פ ר ו מ ע : (וויינט) יענקעלע, זעה דער טאטע שטארבט, מיט ווע‌מען וועלען מיר בלייבען?...

י ע נ ק ע ל : (פאלט צו צום בעט) טאטוניו, דו וועשט ניט שטארבען, דו וועשט ניט שטארבען...

י ש ע י ה ו : דו, יענקעלע? זעהסט דעם סוף... אוי, וועט מען שמייסען מיט אייזערנע ריטער!... וועסטו כאטש נאך מיר קדיש זאגען, ווי א אידיש קינד, וועה איז מיר?...

י ע נ ק ע ל : (וויינט) טאטעניו, איך דיר זשאג, דו וועשט

ניט שטאַרבען, איך דיר זשאָג... זשאָל איך קראַפּירען, אויב דו װעשט שטאַרבען !...

י ש ע י ה ו : אוי, װעה איז מיר... „איך דיר זשאָג !“... אַ איד רעדט אַזוי... מיין בן יחיד... אוי, ער װעט קיין קדיש ניט קאָנען זאָגען... „איך דיר זשאָג“... ראַטעװעט... עס איז אַזוי מוראַ־דיג צו שטאַרבען...

נ ח ו ם : יענקעלע, אָט־נו, פּרימעריטשע, קאָנסט ניט רייד־דען, װי איך ?... װאָס איז דאָס פּאַר אַ שטוקע צו ריידען װי אַ איד, פּרימעריטשע ?

פּ ר ו מ ע : יענקעלע, זוהנעניו מיינער, אָט רעד איצט װי אַן אמת'ער איד... זאָג : טאַטע, דו װעסט ניט שטאַרבען, גאָט װעט רחמנות האָבען...

י ע נ ק ע ל : (צומישט) װאָש װילט איהר ? איך דאָך זשאָג װי אַ איד !...

י ש ע י ה ו : אוי, אוי, זאָל ער בעסער שװייגען... נחום־סערדצע, װאו איז חייקעלע ? דער קנין, האָב רחמנות...

נ ח ו ם : דער קנין ? (קראַצט זיך מיט אַ פערקרימט פּנים אונטער דער פּאַכװע, און פּלוצים טהוט ער אַ פּאַל צום קראַנקען און כליפּעט) ישעיהו־סערדצע, זיי מיר מוחל מיין תקיעת כף, האָב רחמנות... איך בין דאָך אויך אַ איד, איך װיל דאָך אויך, אַז מיין הייקעלעס מאַן זאָל זיין אַ נאַסטאָיאַשצער איד, פּרימעריטשע... זיי מיר מוחל דעם תקיעת כף, און טענה ניט...

י ש ע י ה ו : ניין, ניין, האָב רחמנות, כאָטש אין אידישע הענד איהם איבערלאָזען...

פּ ר ו מ ע : נחום, ער איז דיינער אַ ברודער... ער שטאַרבט, צאַפּ איהם ניט דאָס לעצטע ביסעל בלוט, װעה איז מיר !...

נ ח ו ם : נו, נו, װאָס קען מען זיך העלפען ? זאָל זיין דער קנין. מסתמא אַזוי בעשערט, פּרימעריטשע, און טענה ניט...

י ע נ ק ע ל : (אויפגערעגט) טאַטעניו, װאָש זשאָגסטו ? חייקע מיין כלה ? װאָש מיר חייקע ? װאָש װעל איך טהאָן מיט חייקען ? איך האָב זשי ניט ליעב (קראַצט זיך דעם קאָפּ און לאַכט) הו־הו־הו, חייקע מיין כלה — טפוי !...

פּ ר ו מ ע : יענקעלע, זוהן מיינער, װאָס פעהלט חייקעלען ? דו װעסט מיט איהר חתונה האָבען, װי אַלע אידען טהוען...

י ע נ ק ע ל : איך וועל חאשינע האָבען מיט חייקען ? אהאָ ! מאַמע, זשאָל זשי פגר'ן, איך וועל ניט חאשענע האָבען מיט חייקען, און באַסטאַ !...

נ ח ו ם : יענקעלע, דיר שטעהט נאָך ניט אָן דער שידוך מיט חייקעלען ? אוי, אַ היבשער גלות, פרימעריטשע, און טענה ניט...

י ש ע י ה ו : ווען דו טהוסט ניט דעם שידוך מיט חייקעלען, דער קבר וועט מיך אויסשפייען... קיין רוה וועל איך ניט האָבען...

פ ר ו מ ע : יענקעלע, דער טאַטע שטאַרבט... ער וועט דיר ניט מוחל זיין...

נ ח ו ם : יענקעלע, דער טאַטע וועט דיך דערשטיקען... דאָס איז ניט קיין שוטקע, פרימעריטשע !...

י ע נ ק ע ל : (קוקט איהם אָן פערוואונדערט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען) דער טאַטע וועט מיך דערשטיקען ? מיך ? ער ?. (ווייזט מיט דער האַנד אויפ'ן קראַנקען און לאַכט) הו־הו־הו ער וועט מיך דערשטיקען !...

י ש ע י ה ו : (הויבט זיך אויף איבער'ן קישען פיבערהאַפט) יאָ, יאָ, פון'ם קבר וועל איך דיך קומען דערשטיקען, פון'ם קבר... גוי ! גוי !... (פאַלט מיט אַ קרעכץ צוריק אויפ'ן קישען.)

י ע נ ק ע ל : (קאָרטשעט זיך צוזאַמען מיט שרעק) טאַטוניו!..

י ש ע י ה ו : יענקעלע, זיי אַ איד, אַ איד... אניט וועל איך ניט קאָנען רוהען אין'ם קבר... (יענקעלע קוקט אויף איהם מיט שרעק.)

נ ח ו ם : (יענקעלען אויפ'ן אויער) דו הערסט ?... עס איז ניט קיין שוטקע, פרימעריטשע... ער וועט דערשטיקען, און טענה ניט !... (יענקעלע קוקט אַרום זיך אַלץ מעהר און מעהר צומישט, צו־טומעלט, מיט אויסגעגלאָצטע, צושראָקענע אויגען.)

פ ר ו מ ע : (געהט צו צו איהם און גלעט איהם פאַר'ן קאָפּ) יענ־קעלע, זיי מחיה דיין טאַטען... וואָס פעהלט חייקעלען ?...

י ע נ ק ע ל : (מיט אַ ציטערדיג קול) טשערטי, וואָש ווילט איהר פון מיר ? (ווײנט זיך פאַנאַנדער רחמנות'דיג, טרעט אָב אָן אַ זייט און קלאָגט אין'ם אַרבעל. פון'ם הינטערשטען חדר הערט זיך אַ הויכער זינגען.)

י ש ע י ה ו : אוי, אוי, זאָלען זיי ניט זינגען ! צווישען גוים שטאַרבען... געוואַלד, וואו זענען די אידען ?...

פ ר ו מ ע : (לויפט צו צו דער טהיר) מילינקיע, האָט רחמנות, זייט שטיל... מיין שייקע קען ניט הערען! (עס ווערט שטיל.)

ה י ר ש ב ע ר, ח י י ק ע און ח אַ צ ע קומען פון דער גאַס. יענקעל ווישט אָב די אויגען מיט'ן אַרבעל און קוקט אויף חייקען אויפגערעגט.

ח י י ק ע : (צו נחום'ן) טאַטע! אַ טאַטע! וואָס שטעהט אַזוי יענקעל אין כעס? (יענקעל קוקט אויף איהר נאָך בייזער) טאַטע! אַ טאַטע! זעה, ווי ער קוקט אויף מיר, ווי א וואָלף!...

נ ח ו ם : חייקע, דו שווייג! ניט דיין דאגה, ווי ער קוקט אויף דיר, פרימעריטשע. (צווישען די צייהן) די בייטש איז דאָ, זאָלסט מיר מוחל זיין, און טענה ניט... (חייקע טרעט אָב פון איהם צושראָקען, שטעלט זיך ניט ווייט פון יענקלען און קוקט אויפ'ן לעצטען.)

פ ר ו מ ע : (טרעט אַרויס פון'ם הינטערגרונד און געהט צו צו יענקלען) זעה, יענקעלע, וואָס פעהלט חייקעלע? קום אַהער, חייקעלע!... (חייקע געהט צו צו איהר. פרומע גלעט איהרע באַקען.) זעהסט, יענקעלע, אַן אמת'ער פאַרשוין, קיין עין הרע ניט!...

י ע נ ק ע ל ע : די וועלף זשאָלען זשי פרעשען!... (געהט אָב אָן אַ זייט און ווישט זיך מיט'ן אַרבעל די אויגען.)

ח י י ק ע : (געהט איהם נאָך) דו וויינסט? אהאַ, כאָלעריע, איך האָב דיר געזאָגט, אַז דיין טאַטע שטאַרבט! (וויינט אַליין) אַבער וויין ניט, יענקעלע, גאָט וועט...

י ע נ ק ע ל : אַוועק, זאַראַזאַ, אַוועק! (טרעט אָב פון איהר און געהט אַרויס אין דרויסען.)

ח י י ק ע : ער קען מיך ניט ליידען, דער כאָליעריע! (וויינט און ווישט זיך מיט די פויסטען די רויטע אויגען. פרומע געהט צו און גלעט זי.)

ה י ר ש ב ע ר : (געהט צו צום קראַנקען) ישעיהו, וואָס פאַר א נארישע תנועות מאכסטו? שטעה אויף און לאָף זיך אוים פון'ם שטאַרבען! ען, האָסטו געזעהן, שטאַרבען גאָר? וואָס האָסטו קיין צייט ניט? דו וועסט אוספייען!...

ח אַ צ ע : ר' הירש בער, איהר וואָלט איהם בעסער געהייסען ווידו זאָגען... איהר זעהט? דאָס איז אונזער אַלעמענס סוף. איך מיין עפעס... (זאָגט תהילים מיט אַ נגון) אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ד'. (נחום זאָגט איהם נאָך.)

הירש בער: איך ווייס עס, חאַצע, איך ווייס! מיר פאַנגען די פיש און דער מלאך המות פאַנגט אונז...

ישעיהו: (קרעכצט) דער קנין... נחום, דער קנין...

נחום: וואו איז יענקעלע?

חייקע: איך וועל איהם רופען. (לויפט אַרויס.)

פרומע: (רופט) יענקעלע!... (לויפט אויך אַרויס.)

ישעיהו: ר׳ הירש בער, (הירש בער גערט צו) איך וויל מיין יענקעלען איבערלאָזען אין אידישע הענד... האָט רחמנות, זעהט, עס זאָל זיין דער קנין...

יענקעל, פרומע, חייקע קומט אַריין אין שטוב.

פרומע: (געהענדיג נאָך איהם מיט געוויין) יענקעלע, ווען ער שטאַרבט, קיין רוח וועט ער אונז ניט געבען... זוהן מיינער, מאַך דעם קנין!...

יענקעל: (קרעכצט) אוי וואָש איהר ווילט פון מיר? איך ווער משוגע! (מיט אַ געשריי) נו, זשאָל זשיין! זשאָל זשיין! (טהוט זיך אַ קעהר צו חייקען, שטיל צווישען די צייהן) דו פאַסקודנע רילאָ, דו אָבעזיאַנע, די וועלף זשאָלען דיך פרעשען!... (חייקע בלייבט שטעהן צושראָקען.)

הירש בער: (נעהמט אַרויס אַ טיכעל) יענקעלע, אהערצו געה! (ער געהט צו) חייקעלע, אַהערצו געה! (זי געהט צו) נעהמט אָן די פאַטשיילקע ביי די ברעגעס...

נחום: און וואָס זאָגט מען איצט, ר׳ הירש בער, פריי־מעריטשע, זאָלט איהר מיר מוחל זיין?...

הירש בער: זאָל איך אַזוי פון קיין טראַסצע ניט וויסען... חאַצע, דו ביזט דאָך עפּעס א תלמיד חכם, וואָס זאָגט מען בשעת אַ קנין?

חאַצע: (וועלכער זיצט נעבען קראַנקענס בעט) אידען, וועה איז מיר, און ווייסען ניט וואָס צו זאָגען בשעת אַ קנין. (הויבט זיך אויף פון׳ם אָרט און געהט צו צו הירש בער׳ן) איך מיין עפּעס... לאָזט מיך! (נעהמט פון זיינע הענד די פאַטשיילקע) ר׳ נחום, וואָס זאָגט איהר צו דעם חתן פאר נדן?

נחום: געלד, פרימעריטשע, קיין צובראַכענעם גראָשען ניט! איך גיב איהם די לאָבאַטע בהמה, ניט די ראַבע, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, נור די שוואַרצע... און איך גיב איהם צוויי טיאָל־

קעס, פרימעריטשע... די אלטע קליאטשע און וואס נאך ? (קראצט זיך דעם קאפ) נו יא, און חייקען, זאלט איהר מיר מוחל זיין, און טענה ניט...

ח י י ק ע : טאטע ! א טאטע ! דו האסט דאך געזאגט, אז דו וועסט נאך געבען נאך פופציג קערבלאך ?...

נ ח ו ם : א מכה ! שוייג, וואו איז די בייטש ? (זי רוקט זיך פון איהם אב צושראקען.)

ח א צ ע : און וואס גיט איהר, ר' ישעיהו, געגען נדן ?

י ש ע י ה ו : (קרעכצט) אלץ, אלץ וואס איך פערמאג...

ח א צ ע : (פייערלאך) אידען, זייט עדות, אז זיי האבען מקבל קנין געוועז, און פון היינט אן זענען חייקע און יענקעלע חתן כלה אי פאר גאט אי פאר לייט... (אלע זאגען : „מזל טוב“. פרומע קושט חייקען און יענקעלען און וויינט.)

י ש ע י ה ו : יענקעלע ! (ער געהט צו צום טאטען מיט אן אראבגעלאזענעם קאפ) איצט בין איך רוהיג, יענקעלע. (נעהמט איהם אן פאר א האנד און קרעכצט) זיי א איד, יענקעלע... אוי וועט מען שמייסען מיט אייזערנע ריטער... איך האב אזוי מורא... (יענקעלע ציטערט). ר' חאצע, וידוי...

ח א צ ע : (מיט א טרויעריג קול) אידען, ר' ישעיהו וויל זאגען וידוי... זאגט, ר' ישעיהו : אשמתי, בגדתי, לפניך. (דער קראנקער זאגט נאך שטיל. אלע שטעהען מיט אראבגעלאזענע קעפ. פרומע כליפעט און יענקעלע רעוועט פערשטיקט. נחום שטעהט צוגעשפארט דעם שטערען צום צוקאפענס פון'ם קראנקענס בעטעל, קלאפט זיך אין הארצען ביי יעדעסווארט, וואס חאצע זאגט מיט'ן קראנקען, און ציטערט אויף מיט די פלייצעס. חייקע וויינט אין'ם ארבעל.)

נ א ט א ש א קומט אריין.

נ א ט א ש א : (מיט א שטיל קול צו הירש בער'ן, וועלכער געהט צו צו איהר) וואס מאכט שייקע ?

ה י ר ש ב ע ר : ש־ש־ש... ער שטארבט...

נ א ט א ש א : יענקעלע וויינט.. באזשע מאי...

ה י ר ש ב ע ר : ער האט ערשט געהאט פאמאלוועקע מיט חייקען און איצט וויינט ער נאך זיין טאטען...

נ א ט א ש א (צושראקען) פאמאלוועקעס ? מיט חייקען ? (טהוט זיך א כאפ פאר'ן קאפ און בלייבט שטעהן צוטומעלט.)

ח אַ צ ע : (זאָגענדיג די וידוי, טהוט זיך פלוצים אַ כאַפּ) ר׳ ישעיהו !... (טרייסעלט איהם) ר׳ ישעיהו !... (מיט טרעהרען אין׳ם קול שעפּצעט אַרויס) ברוך דיין אמת !...

פ ר ו מ ע : (טהוט זיך אַ כאַפּ מיט אַ יאָמער) ישעיהו! געוואלד! (רייסט אַרונטער דעם ווייסען הייבעל פון׳ם קאָפּ און רייסט אויף זיך די האָר מיט אומה׳דיגע קולות.)

י ע נ ק ע ל ע : טאַטוניו !... (פאַלט צו מיט אַ רעווען צום פאָטער.)

אַ ל ע : ברוך דיין אמת ! (לאָזען אַרונטער די קעפּ.)

נ אַ ט אַ ש אַ (קוקט מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען און צלם׳ט זיך מעכאַניש.)

פ אָ ר ה אַ נ ג.



ביזט א צאַצקע
געה אין דער ערד אַריין

צווייטער אַקט.

די ביהנע שטעלט פאַר דאָס פישערישע שטיבעל פון דרויסען. אַ הויף וואָס פיהרט צו דער אָזערע. נ אַ ט אַ ש אַ שטעהט אויפ'ן הויף איבער אַ סאַמאָוואַר און בלאָזט פאַנאַנדער אין איהם דעם פייער מיט אַ באָליווע פון אַ שטיוועל. פ ר א ק א פ אין אַ לייוועגדענעם העמד און לאַפּציעס, אָהן אַ היטעל, הובליעט עפּעס אויף אַ טיש, וואָס שטעהט אויפ'ן הויף געגען דאָס פענסטער פון דעם פישער־שטיבעל. עס איז נאָך גאַנץ פריה. די זון געהט אויף. אויף דער אָזעראַ פאַלען איהרע רויטע שטראַהלען. עס הערט זיך פון ווייטען און פון אַלע זייטען דאָס קרייהען פון העהנער און דאָס פרעהליכע טשריקען פון פייגעלעך.

פ ר א ק א פ : (הובליענדיג) הייסט עס, היינט איז ביי אונז אַ יאַריד אין'ם דאָרף... הא, נאַטאשא? (נאַטאַשאַ פערטראַכט הערט איהם ניט.) נאַטאשאַ, דו ביזט טויב געוואָרען? איך רעד דאָך צו דיר!...

נ אַ ט אַ ש אַ : (טהוט זיך אַ כאַפּ) וואָס, דיעדושקא? דו פרעגסט מיך עפּעס?...

פ ר א ק א פ : טאַ־טאַ, איך פרעג דיך עפּעס! עך, מיידעל, דו געפעהלסט מיר ניט היינט. וואָס טראַכסטו? וועגען וואָס קאָן אַזאַ נאַריש מיידעל ווי דו טראַכטען?...

נ אַ ט אַ ש אַ : איך טראַכט, דיעדושקא... פאַר וואָס זענען די מענשען, מענשען? פאַר וואָס זענען זיי ניט קיין פייגעלעך?... אָט זעה, דיעדושקא, ווי פריי די פייגעלעך זינגען אויף גאָטס וועל־טעל און האָבען נישט מורא, און די מענשען? עך!... (ברעכט זיך אונטער און זיפצט.)

פ ר א ק א פ : אָהאָ, וועגען וואָס דו טראַכסט, נאַטאשאַ! כאַ כאַ כאַ! (צולאַכט זיך גוטמוטהיג). טאָ־טאָ, ווען דער מענש איז אַ מענש, בעווייזט עס, אַז ער דאַרף ניט זיין קיין פויגעל... אי סלאַווא באָהו, עס איז גוט אַזוי, וואָס דער מענש איז ניט קיין פויגעל... עך נאַטאשקאַ, אַ פּאַגאַנער פויגעל וואָלט דער מענש געווען, זעהר אַ פּאַגאַנער, ערגער פון אַ יאַסטרעב, ערגער פון אַן

אַדלער... גאַטס פויגעלעך וואָלטען דעמאָלט אזוי פרעהלאַך ניט
געזונגען, ווען דער מענש וואָלט אויך געווען צווישען זיי אָט דאָר־
טען, אין דער לופטען, טאָ־טאָ!..

נ אַ ט אַ ש אַ: (קוקט אַרויס אויף די אָזערע) די פישערס
זעהט מען נאָך ניט. עס איז שוין אַזוי שפּעט...

פּ ר א ק א פּ: זיי וועלען קומען. דו ווערסט היינט עפּעס
קויפען אויפ'ן יאַריד?

נ אַ ט אַ ש אַ: זלמן האָט צוגעזאָגט צו קויפען עפּעס אַ
מתנה אויפ'ן יאַריד, און יענקעל אויך...

פּ ר א ק א פּ: גוט, גוט, נאַטאַשקאַ. טאָ־טאָ, מעגסט נעה־
מען ביי זיי מתנות. דו בעדיענסט זיי... זיי וואָהנען אין אונזער
שטיבעל. נור אָט וואָס, נאַטאַשקאַ, איך וועל דיר אָט וואָס זאָ־
גען: נאַטאַשאַ, געדענק, אַז יענקעל און זלמן זענען יונגע בייקלאַך
און דו ביזט אַ יונגע בהמה'לע... נעהם פון זיי מתנות, בעצאָהל
זיי אָבער פאַר דעם נור מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ ספּאַסיבאָ.
דו ווייסט, אַז איך בין אַ סטראָגער מענש. טאָ־טאָ!..

נ אַ ט אַ ש אַ: (מיט כעס, טהוט אַ שמיץ דעם שטיוועל
פונ'ם סאַמאָוואַר) דיעדושקאַ! וואָס רעדסטו היינט פאַר אַ נאַ־
רישקייטען?

פּ ר א ק א פּ: בעסער זאָל דיין אַלטער זיידע רעדען נאַ־
רישקייטען, ווי דו, ציפּליאָניקעל מיינס, זאָלסט טהאָן נאַרישקיי־
טען...

נ אַ ט אַ ש אַ: (אויפגערעגט) איך דאַרף ניט קיין מתנות!
אויף וואָס פאַר אַ פייער דאַרף איך זיי? וואָס רעדסטו, דיעדושקאַ?
נאַ! (נעמט אַרויס פון אונטער'ן בוזים אַ טיכעל, וויקעלט פונאַנדער
און כאַפּט אַרויס אַ מטבע) נאַ, אָט דעם פערטעלע אויך, וואָס דער
בעל הבית האָט מיר נעכטען געשענקט, אבי רעד ניט אַזוי, דיע־
דושקאַ! (לויפט אַריין אין שטוב און פערשווינדעט).

פּ ר א ק א פּ: (שרייט איהר נאָך) נאַטאַשאַ! (קוקט איהר
נאָך און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) טאָ־טאָ, וואָס איז היינט מיט נאַ־
טאַשאַן? (פעררויכערט אַ ליולקע) זי איז בייז? פאַרוואָס? פאַר
אַ גוט וואָרט? נ־דאַ, טאָ־טאָ! — (נעמט די ברעט אויפ'ן אַקסעל)
נאַטאַשאַ, איך געה אויפ'ן פעלד! (אָב).

פונ'ם שטיבעל דערהערט זיך, ווי נאַטאַשאַ זינגט אַ דאָרפיש
ליעד, פול בענקעניש. דאַן קומט זי אַרויס פונ'ם שטיבעל זינגענדיג,

ביידע הענד הינטער'ן נאַקען פערלעגט. לאָזט זיך אַרונטער אויף דר'ערד, זינגט און טרערען הילכען אין איהר קול. דאַן דרעהט זי זיך צונויף מיט איהר פּנים אין שויס, הערט אויף צו זינגען, צו־וויינט זיך שטיל און ציטערט אויף מיט די אַקסלען. פון אַרום — דאָס סווישטשערן פון פייגעלעך. פּלוצים דערהערט זיך פון דער אָזערע דאָס זינגען פון די אָנקומענדיגע פישער. זי שפּרינגט אויף. יענקעל !... לויפט צו צום סאַמאָוואַר, בלאָזט איהם. דער גאַנצער פּנים איהרער פאַנגט אָן צו שטראַהלען מיט פרייד און ליעבע. דאַן טהוט זי זיך אַ וואָרף אין פאַר־אויס, מאַכט מיט ביידע הענד און שרייט : האָ־הו, יענקעל ! האָ־הו!.. זי שטעהט און מאַכט מיט ביידע הענד.

יענקעל אין רימענעם פאַרטוך, מיט רימענע הענדשי־קעס. ער לויפט צו צו נאַטאַשאַן, וויל זי אַ כאַפּ טהון. זי דרעהט זיך אַרויס פון זייַנע הענד און לויפט איבער'ן הויף מיט אַ פרעהליכען געלעכטער. ער נאָך איהר. ער כאַפּט זי.

נאַטאַשאַ : יענקעל, לאָז — מיט דיינע נאַסע הענדשי־קעם !

יענקעל : (לאַכט) הו־הו. (וואַרפט אַרונטער די הענד־שיקעס און נעמט זי אָן מיט זיינע רויטע הענד) אזשוי ווילשטו, נאַ־טאַשאַ, צי אַזשוי ? (דריקט זי ביי דער טאַליע) עך, וויעדמאַ דו, די וועלף זשאָלען דיך פרעשען, אַזאַ וויעדמאַ !... (זי לאַכט.)

הירש בער. חאַצע. זלמן. הירש בער קוקט אויף זיי גוטמוטהיג, זלמן מיט כעס, חאַצע שאָקעלט דעם קאָפּ מיט בעדויערען.

הירש בער : (גוטמוטהיג) אוי, אוי, נאַטאַשאַ, אויפ'ן ניכטערען מאָגען און שוין פּאַבריקעווסטו מיט אַ בייקעל.. עך טראַסצע ! (טהוט זיך פונאַנדער און הענגט אויף זיין קאַפּטען מיט'ן פאַרטוך אויף דער טיר פון'ם שטוב).

זלמן : (מיט כעס) דער סאַמאָוואַר איז נאָך ניט פאַרטיג. אַלץ איבער דעם ווילע... ער לאָזט איהר ניט מאַכען דעם סאַמאָ־וואַר, אַ כוואַראָבע איהם אין די ביינער ! (נאַטאַשאַ נעמט דעם סאַמאָוואַר און אָב אין שטוב).

יענקעל : זלמן, איך דיר געזשאָגט, דו זשאָלשט ניט בילען ווי אַ הונד. זשעה, זלמן, זשעה, ווען איך'ל זשעך אַ נעהם טהאָן צשו דיינע ביינער, דו'שט ביי מיר סקאָוואוטשען ווי אַ הונד...

זלמן : סטראַשע ניט, איך קען אויך צובוכצען די מאָרדע ! (אָב אין שטוב).

י ע נ ק ע ל : די וועלף זשאַלען איהם פרעשען ! (טהוט זיך פאַנאַנדער.)

ח אַ צ ע : (אויסגעטהאָן זיך) אוי וועה איז מיר, און אויף דעם דאַוונען פערגעסט מען. יענקעלע, עס איז דאָך ערשט צוויי חדשים זייט דיין טאַטע, עליו השלום, איז געשטאָרבען. לאַ די, וואָס דו קענסט ניט זאָגען נאָך איהם קיין קדיש, ווי נור שבת, שפּיעלסטו זיך נאָך מיט אַ שיקסע פאַר'ן דאַוונען! אוי, יענקעלע, געדענקסט זיינע ווערטער פאַר'ן שטאַרבען? „יענקעלע זיי אַ איד, אוי וועט מען שמייסען מיט אייזערנע ריטער"... און מען שמייסט איהם דאָרטען, יענקעלע, אוי ווי מען קאַטעוועט איהם נעבעך!.. און דיר וועט ער אויך ניט שווייגען, יענקעלע. היט זיך! מיט טויטע שפּיעלט מען זיך ניט, איך מיין עפּעס!.. (העננט זיין פאַרטוך אויף דער טיר).

י ע נ ק ע ל : (צושראָקען) פאַרוואָש וועט דער טאַטע מיר ניט שווייגען?... איך זשאַלעווע איהם עפּעס קדיש זשאָגען? איך דאָך זשאָג שבת, ווען עש איזש דאָ אַ מנין!.. אָט ער רעדט!.. וואָש שרעקט איהר מיך, ר' חאַצע? פאַרוואָש וועט דער טאַטע מיר ניט שווייגען?... עך, די וועלף זשאַלען דיך פרעשען! וואו איזש מיין שידער?.. איך געה דאַוונען!... (אָב אין שטוב.)

ה י ר ש ב ע ר : (זעצט זיך ביים טיש און שלעפּט אַרויס פון איין כאַליווע אַ פלעשעל שנאַפּס, פון דער צווייטער אַ גלעזעלע) אַ פּנים אַז יענקעל האָט מעהר מורא פאַר זיין טאַטען אין ד'רערד ווי פאַר אונז אַלע אויף ד'רערד, עך דורני!.. (טרינקט אויס אין איין אָטהעם) קעלמער, דו מוזט דאָך וויסען, קריגט מען דאָרטען, אויף דעם עולם האמת, אזאַ ביסעלע גוטען ספּירט?..

ח אַ צ ע : (זיפצט) איך מיין עפּעס! מען וועט אייך שוין דערלאַנגען דאָרטען ספּירט, אַז דער אָטהעם וועט אייך פערגעהן... מיט אייזערנע ריטער... פּע, ר' הירש בער, איהר זייט אַן עלטערער איד, עס איז אַצונד פאַר ימים נוראים... מען וועט שרייבען און חתמ'ענען... איהר וואָלט כאָטש געטרונקען נאָכ'ן דאַוונען...

ה י ר ש ב ע ר : דו ביזט טאַקע גערעכט, חאַצע. אָבער דאַוונען וויל איך מיט התלהבות און התלהבות קאָן איך נור קריגען, ווען איך טרינק אוים אַ פריהער דעם כוס... (יענקעל שטעקט ארויס דעם קאָפּ דורך'ן פענסטער און דאַווענט פון אַ גראָבען סידור) דו זעהסט?

נור יענקעל קאָן דאַוונען מיט התלהבות אזוי. יעדעס וואָרט, וואָס קייקעלט זיך ארויס פון זיין מויל, קאָן עפענען דיין נארישען מוח!..

י ע נ ק ע ל: (דאַוועגט) וכולם פושחים עש פיהעם בעקאַדושא ובאטאַרא...

ח אַ צ ע: (פערשטאָפּט זיך די אויערען) אוי, אוי, א תל מאַכט ער פונ׳ם דאַוונען!... „בעקאַדושא“... אוי, האַלץ האַקט ער!.. יענקעל, בקדושה, וועה איז מיר! ובטהרה, איך מיין עפּעס!.. (זלמן געהט אַרויס פון שטוב).

י ע נ ק ע ל: (דאַוועגט) ומברוקים ומשאַפּקים... מאַראָטשעט ניט, ר׳ חאַצע, איך זשאָג, ווי אין שידער שטעהט!... (פערשווינדעט פונ׳ם פענסטער).

ח אַ צ ע: נו, נו, וועה איז מיר! און מען מוז שווייגען!.. איך׳ל כאָטש געהן דאַוונען, איך מיין עפּעס... (אָב אין שטוב).

ז ל מ ן: ר׳ הירש בער, גיט אַ גלעזעלע...

ה י ר ש ב ע ר: האָסט שוין געדאַוועגט?..

ז ל מ ן: נאָך ניט.

ה י ר ש ב ע ר: קריגסטו ביי מיר אַ כוואַראָבע און גיט קיין בראַנפּען. אַ איד טאָר ניט טרינקען פאַר׳ן דאַוונען, זאָגט חאַצע...

ז ל מ ן: ר׳ הירש בער, נור אַ קאַפּעטשקע... ביי מיר עפּעס אָט דאָ... עפּעס... געמוזט מיר עפּעס פערשאַדען צי וואָס?.. (רייבט זיך דעם בויך).

ה י ר ש ב ע ר: אין שטוב איז דאָ ריצענאייל... דאָס, זאָגט חאַצע, מעג אַ איד נעהמען פאַר׳ן דאַוונען אויך... (הויבט זיך אויף). קום דאַוונען, תנא ברא מיינער! (אָב מיט איהם אין שטוב).

עס דערהערט זיך אַ פאָהרען פון אַ וואָגען און נחום׳ס קול: טפּררו... נ ח ו ם און ח י י ק ע קומען פון דער גאַס. נחום האַלט אַ בייטש אין האַנד און פּאַכעט מיט איהר אין דער לופטען. חייקע אין אַ נייעם מלבוש.

נ ח ו ם: (קוקט זיך אום צו דער גאַס) טפּררו, וואַסיוטקאַ! טפּררו, קראַסאַווטשיק! זעה נאָר, חייקעלע, זעה, אונזער וואַסיוטקאַ, אַ פויגעל, אַ געזונד איהם אין הארצען אריין, וויל נאָר פליהען אהיים, פּרימעריטשע. טפּרו, וואַסיוטקאַ! טפּררו, זאָלסטו מיר מוחל זיין! (עס דערהערט זיך ווידער אַ פאָהרען פון אַ וואָגען.)

טפררו, אַ ~~בראַנד דיר אין די קישקעס אַרײַן~~! (לויפט אַוועק אין די ריכטונג פון וואַנען דאָס פאָהרען פונ'ם וואָגען האָט זיך געהערט).

נ אַ ט אַ ש אַ קומט אַרויס מיט'ן סאַמאָוואַר, בעמערקט ניט חייקען און שטעלט איהם אויפ'ן טיש.

ח י י ק ע: נאַטאַשאַ, אַ, נאַטאַשאַ, מיין יענקעל איז דאָ?

נ אַ ט אַ ש אַ: (טהוט אַ ציטער. דערזעהען זי, טהוט זי אַ שפּוי) דו ביזט דאָ?

ח י י ק ע: מיין יענקעל איז דאָ?

נ אַ ט אַ ש אַ: ד י י ן יענקעל, האַ? איהר יענקעל! (בייז און לאַכט בייסענד) ס'רא כאַריא דו האָסט, האַ? און דיין יענקעל! טפו, ~~זאַראַזאַ~~! געה צום אָזערע און וואַש אָפּ אַפריהער דיין רילאָ, די פּאַסקודנע... איהר יענקעל! טפוי, זאָל זי קראַפּירען!..

ח י י ק ע: (ווישט זיך מיט בײדע הענד דעם פּנים) דער פּנים איז ביי מיר איינגעריכט, נאַטאַשאַ?

נ אַ ט אַ ש אַ: דער פּנים, האַ? דו האָסט ניט קיין פּנים, דו האָסט אַ רילא, אַ פּאַסקודנע כאַריא, אָט וואָס!. (ווישט מיט כעס דעם טיש).

ח י י ק ע: נאַטאַשאַ, וואָס זידעלסטו זיך? איך האָב דיר עפּעס געטהאָן?

נ אַ ט אַ ש אַ: ניטאָ יענקעל, ניטאָ! געה! (חייקע קוקט צוטומעלט) און יענקעל האָט געזאָגט, אַז דו ביזט אַ ~~זאַראַזאַ~~ און ניט קיין מיידעל, אַז דו זאָלסט זדאַכניען, אָט וואָס ער האָט געזאָגט!... (י ע נ ק ע ל לויפט אַרויס פון שטוב.)

י ע נ ק ע ל: (פרעהליך) נאַטאַשאַ! (דערזעהן חייקען, בלייבט ער שטעהן, קראַצט זיך דעם קאָפּ און רעדט אַרויס פאר זיך) די וועלף זשאָלען זשי פּרעשען!...

ח י י ק ע: יענקעלע, אַ יענקעלע! וואָס וויל די שיקסע פון מיינע יאָהרען?..

נ אַ ט אַ ש אַ: דיין כלה, יענקעל!.. קוק זי אָן! כאַ־כאַ־כאַ! נעהם זי צו דער אָזערא, וואַש איהר אָפּ די רילאָ! טפּוי, קראַפּירען זאָלט איהר בײדע, ווען זי איז דיין כלה!.. (זאָב מיט כעס אין שטוב).

ח י י ק ע: וואָס זאָגסטו צו דער שיקסע? איהר שטעהט ניט אָן דער שידוך מיט מיר... וואָס זאָגט מען צו איהר?

י ע נ ק ע ל: (קראַצט זיך דעם קאָפּ) דו וואָלשט אויף אָן



איך טאַנץ, און באַסטאַ!

עמעש אַבגעוואַשען דיין רילאַ, זשאָל ניט זשיין אזשוי פּאַסקודנע. וואַש קוקשטו אזשוי? קוק ניט, איך האָב פיינט, אזש דו קוקשט!...

ח י י ק ע: (נאַאיוו) ווי קוק איך? וואָס בינדסטו זיך צו מיר, בוילע? באַלד וועסטו זאָגען, אַז דו האסט פיינד, וואָס איך לעב...

י ע נ ק ע ל: (מיט כעס) עמעש! עמעש! איך האָב פיינד, וואָש דו לעבשט, עמעש!.. וואָש ביזשטו געקומען?

ח י י ק ע: איך בין געקומען מיט'ן טאַטען אויפ'ן יאַריד, העלפען דיין מאַמען אין קרעטשמע. דו זאָלסט אויך קומען העלפען...

י ע נ ק ע ל: גוט! איך'ל קומען. געה!

ח י י ק ע: איך וועל דאָ וואַרטען אויפ'ן טאַטען, ער איז אוועק נאָכ'ן פערד! אוי, יענקעלע, איז אונזער וואַסיוטקא אַ בראַנד, פליהט ווי אַ רוח!..

י ע נ ק ע ל: זשאָלען די וועלף פרעשען וואַסיוטקאַן!

ח י י ק ע: וואָס רעדסטו? וואָס האָסטו צום פערד, בוילע דו?..

י ע נ ק ע ל: נו, ווילשט ניט וואַסיוטקאַן? זשאָלען זשיי דיך פרעשען!..

ח י י ק ע: (מיט כעס) זאָלען זיי דיך פרעסען פאַר אונז ביידען! בוילע דו, וואָס האָסטו צום פערד און וואָס האָסטו צו מיר?

י ע נ ק ע ל: געה, געה אין קרעטשמע, מאַראַטשע ניט.

ח י י ק ע: (מישט איבער) „געה, געה אין קרעטשמע, מאַראַטשע ניט“! און איז נאָך אַ חתן, אַזאַ בוילע! (ווייזט איהר ניי קלייד. מיט אַ ווייך קול:) יענקעלע, אַ יענקעלע, דו זעהסט? אַ נייע פּלאַטיע!..

י ע נ ק ע ל: (קראַצט זיך דעם קאָפּ און קוקט אויף דאס קלייד) געה, געה אין קרעטשמע, מאַראַטשע ניט... נו, דו ביזשט אַ קראַסאַוויצע, אַ ליאַלקע! געה, געה!..

ח י י ק ע: (צו־וויינט זיך) פאַרוואָס טרייבסטו מיך? וואָס האָסטו צו מיר? גאָר נישט געפעלט איהם ניט... פאַרוואָס נעהמסטו מיר דאָס לעבען? אַ ~~קרענק דיר אין די ביינער~~!..

נ ח ו ם, מיט דער בייטש אין האַנד, קוקט הינטערוויילעכס, קומט פון לינקס.

נ ח ו ם: האַלט דאָרט דעם אָדלער, ער זאָל ניט אוועק!

אחא, יענקעלע! א גאָט־העלף דיר, טאַטקעלע! (בעמערקט אַז חייקע וויינט) וואָס איז דאָס? וואָס וויינט זי, פרימעריטשע?..

ח י י ק ע: (כליפּעט) ער האָט מיך אָבידעט, דער בוילע... ער קען מיך ניט טערפּען... ער האָט מיך פיינד!..

נ ח ו ם: שאַ, שאַ, שווייג, קלאָג ניט! ער האָט דיך ניט האָלד, פרימעריטשע? נו, ער איז גערעכט. אַ כלה דאַרף מען ניט האָלד האָבען. האָלד האָבען דאַרף מען אַ ווייב און ניט קיין כלה, און טענה ניט! (חייקע וויינט העכער). נו שאַ, וואו איז די בייטש? (חייקע לויפט אָב אָן אַ זייט צושראָקען). יענקעלע, פאַרוואָס האָסטו זי אָבידעט?..

י ע נ ק ע ל: וואָש אָבידעט? איך איהר געזשאָגט, אזש איך'ל קומען אין קרעטשמע העלפען און באַסטאַ!..

נ ח ו ם: היינט וואָס האָסטו זיך צוקלאָגט, פערד, אַ רוח אין דיין טאַטען אריין?..

ח י י ק ע: איך האָב איהם אויך פיינד... אָט דוקא, אויף צו־להכעיס, וועל איך איהם פיינד האָבען... ווי ער איז צו מיר, אזוי וועל איך צו איהם זיין...

נ ח ו ם: שאַ! אוואו איז די בייטש? (זי טרעט אָב ווייטער. ער נעהמט אָן יענקלען ביים אָרעם). יענקעלע, איך וועל דיר דערצעהלען אַ סוד. איך קום ערשט פון דיין מאַמען... ווייסטו, ווער עס איז געווען ביי איהר די נאַכט, פרימעריטשע?

י ע נ ק ע ל: ווער?

נ ח ו ם: דיין טאַטע! (יענקעל שפּרינגט אָב צושראָקען). יא, דיין טאַטע... ער איז געקומען פרימעריטשע, צו חלום, זאָלסטו מיר מוחל זיין. אוי, זעהט ער אויס, יענקעלע, שוואַרץ ווי די ערד, זאָגט דיין מאַמע, אין ווייסע תכריכים, מיט שערבלעך אויף די אויגען, און ער וויינט פאַר איהר און קלאָגט: פרומע־סערדצע, מען שמייסט מיך, מען גיט מיר קיין רוה ניט, פרימעריטשע. (יענקעל ציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער). יענקעל איז ניט פרום. זעה, ער זאָל זיין אַ איד, און טענה ניט...

י ע נ ק ע ל: (סאָפּעט שווער) וואָש רעדט איהר, פעטער נחום? אזשוי האָט דער טאַטע געזשאָגט? אָבער איך דאָך דאַווען... פון שידור איך דאָך דאַווען אלע טאָג... איך דאָך זשאָג קדיש שבת... וואָש נאָך זשאָל איך טהאָן דעם טאַטען? וואָש נאָך?

(זעצט זיך בײם טיש און שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ) · עך, באָזשע מאָי! באָזשע מאָי!...

נ ח ו ם : זאָג אַמאָל אַ קאַפּיטעל תהילים, פּרימעריטשע, וואָס ווײס איך? מסתמא האָט ער דאָרטען געבראָטענע צרות, ווען ער קומט זיך קלאָגען פאַר דײן מאַמען, זאָלסטו מיר מוחל זײן, און טענה ניט.

ח י י ק ע : (מיט נצחון אין׳ם קול) דאָס איז דערפאַר, ווײל ער האָלובעט זיך מיט שיקסעס, שמײסט מען דאָרטען דעם פּעטער ישעיהו׳ן... (געזאָגט עס, לויפט זי אָפּ אָן אַ זײט מיט אויגען, פול נצחון.)

י ע נ ק ע ל : (שפּרינגט אויף פון׳ם אָרט ווי אַן אָבגעבריהטער און אטהעמט שווער) דו נאָך? דו נאָך? זאַראַזאַ דו, וואָש ווילשטו נאָך?!

ה י ר ש ב ע ר : (ווײזט זיך אין׳ם אָפענעם פענסטער פון׳ם שטיבעל) אהאַ, הגאון ר׳ נחום׳צע איז דאָ מיט זײן יפת תואר. וואָס גוטס, נחום?...

נ ח ו ם : אַ גאָט העלף אײך, ר׳ הירש בער. וועט איהר הײנט זײן אויפ׳ן יאַריד?

ה י ר ש ב ע ר : ווען דו האָסט דאָרט אָנגעגרײט פון דעם אמת׳דיגען, וועל איך קומען.

נ ח ו ם : קומט טאַקע, ר׳ הירש בער, בײ אונז וועט זײן שישו ושמחו, אַ קנאַק נאָך אַ קנאַק, זאָלט איהר מוחל זײן, און טענה ניט. נו, יענקעל, דו געהסט מיט אונז?

י ע נ ק ע ל : (גיט זיך אַ כאַפּ) האַ? איך׳ל קומען מיט די פישער.

נ ח ו ם : נו, חײקעלע, מאַרש אויפ׳ן וואָגען. ניטאָ קײן צײט! · ר׳ הירש בער, פערגעסט־זשע ניט! (זזשעט מיט׳ן בײטש און אָב.)

ח י י ק ע : אַ ~~בראַנד איהם אין די קישקעס!~~ (אָב נאָך׳ן טאַטען. באַלד הערט מען ווי דער וואָגען פאָהרט אָב.)

נ אַ ט אַ ש אַ לויפט אַרויס פון שטוב.

נ אַ ט אַ ש אַ : (צוגעלאָפען צו יענקלען מיט אַ פנים פלאַם פײער) נו, אוועק דײן קראַסאַוויצאַ? (נעהמט זיך מיט בײדע הענד

פאר די זייטען)   א כלה דיינע, כא־כא־כא !   א כלה !...   (לאכט צו־ רייצט איהם אין פנים אריין.)

י ע נ ק ע ל :   (שטיל און אויפגערעגט)   נאטאשא, ניט גוט...

נ א ט א ש א :   וואס ניט גוט, אזא כלה ?   וואש אב איהר פאגאנגע רילא, וועט זי זיין גוט...   כא־כא־כא !...

י ע נ ק ע ל :   ניט גוט, נאטאשא.   דער טאטע...

נ א ט א ש א :   וואס דער טאטע ?

י ע נ ק ע ל :   איך קען זיך ניט גוט מאליען, נאטאשא, אט וואש !   (טהוט א קלאפ אין טיש) עך ! ווען איך וואלט געקענט זשיך גוט מאליען, עך די וועלף זשאלען מיך פרעשען.   (זעצט זיך ביים טיש און לאזט ארונטער דעם קאפ. פון'ם דארף הערט זיך א שפיעלען פון א הארמאניקע און א געזאנג).

ה י ר ש   ב ע ר   קומט ארויס.   פון דער קעשענע שטעקט ביי איהם ארויס א פלעשעלע מיט שנאפס.

ה י ר ש   ב ע ר :   נאטאשא, א גלאז טהעע גיכער.   מען דארף געהן זעהן, וואס טהוט זיך אויפ'ן יאריד...

נ א ט א ש א :   אט באלד, ריש בער...   (ווינקט צו יענקלען. ער בעמערקט ניט. טהוט זי א שפיי)   טפוי, מוטשיטעל דו מיינער ! (אב אין שטוב.)

ה י ר ש   ב ע ר :   וואס האסטו זיך דארט פערטראכט, יענ־קעלע ?

י ע נ ק ע ל :   (צוטראגען) ר' הירש בער, ניט גוט...

ה י ר ש   ב ע ר :   וואס ניט גוט ?

י ע נ ק ע ל :   דער פעטער נחום זשאגט, אזש די נאכט איזש דער טאטע געקומען צו דער מאמען...

ה י ר ש   ב ע ר :   וואס ?   דיין טאטע איז געקומען צו דיין מאמען ?   די נאכט ?   נו, מסתמא איז דארטען, אויף יענער וועלט, א דוחק אויף ווייבער...   אוי, אוי, ס'רא בעל־עבירה'ניק דיין טאטע איז ! אזא קורצע צייט און שוין רופעט איהם דאס ווייב...

י ע נ ק ע ל :   ער האט זשעך געזשאלעוועט, אזש איך בין ניט פרום...

ה י ר ש   ב ע ר :   נו, אין דעם, זעהסטו, איז ער טאקע גע־רעכט :   פארוואס זאלסטו,   בוילע, טאקע ניט   לערנען א פרק משניות צי א בלאט גמרא, א ~~בוואראבע דיר אין'ם הערצעלע~~ ?

י ע נ ק ע ל : (שטעהט אויף) עך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי, איך ווער משוגע !... וואָש טהו איך ?

ה י ר ש ב ע ר : טהו א גוטען שמעק טאַבאַק... זעץ זיך אוועק, ווילדער דו. שרעקסט זיך פאַר אַלע נארישקייטען. דיין מאַמען האָט זיך גע'חלומ'ט דיין טאַטע, ווייל זי טראַכט מסתמא א סך וועגען איהם. מיר חלומ'ט זיך אויך א סך מאָל מיין טאַבאַקערקע, מיינסטו, אז די טאַבאַקערקע קומט מיר צו חלום ? עך א כוואַראָבע !...

י ע נ ק ע ל : איזש עש ניט עמעש, ר' הירש בער ?

ה י ר ש ב ע ר : עס איז אזוי אמת ויציב, ווי דיין טאַטע איז דאָרטען א קצב. געה ברענג מיר מיין טאַבאַקערקע, איך האָב זי פערגעסען אין שטוב...

י ע נ ק ע ל : (קראַצט זיך פרעהליך דעם קאָפּ) דאָש איזש טאַקע ניט עמעש. פאַרוואָש זשעך דער טאַטע אויף מיר זשאַלע־ווען ? איך דאָך דאַווען פון'ם שידור !...עך, בייקעס, די וועלף זשאַלען עש פרעשען !... (אָב אין שטוב. און גלייך דערהערט זיך פון דאָרט זיין קול : „זלמן, לאָזש נאַטאַשאַ'ן דעם טהעע דערלאַנגען !“ דאַן זלמן'ס געשריי און נאַטאַשאַ'ס געלעכטער).

ז ל מ ן קומט ארויס פון'ם שטוב, האַלטענדיג זיך פאַר א זייט.

ז ל מ ן : אוי, דעם לונגען האָט ער מיר שיער ניט אָפּגעריסען. ר' הירש בער, ער האָט מיך שיער ניט דער'הרג'עט, דער בוילע !...

ה י ר ש ב ע ר : א כפרה פאַר א גוטען אידען.

ז ל מ ן : ער וועט זיך שמד'ען, דער בוילע, איהר וועט זעהן.

ה י ר ש ב ע ר : נו, וועט מיט איין למדן ווייניגער בליי־בען בייניגער בליי אידען...

ז ל מ ן : גאָר נישט, מען טאָר זיך גאָר ניט אָנריהרען אָן דער שיקסע...

ה י ר ש ב ע ר : וואָס דאַרפסטו זיך אָן איהר אָנריהרען ? דו ביזט דאָך א פרומער בחור'ל, נאַטאַשאַ איז ניט קיין מזוזה...

ז ל מ ן : אוי, ר' הירש בער, איהר זוכט אויך א מאָל אייער טאַבאַקערקע ביי איהר אין'ם בוזים, נישקשה...

ה י ר ש ב ע ר : זוך איך דאָך ביי איהר עפּעס ? וואָס

זוכסטו, א טראַסטע דיר אין׳ם האַרצען ? (יענקעל קומט אַרויס מיט דער טאַבאַקערקע.)

י ע נ ק ע ל : טהו זיך אָן ווי אַ פּאַנענקע, נאַטאַשאַ ! (דערלאַנגט הירש־בער׳ן די טאַבאַקערקע און ווענדעט זיך דערנאָך צו זלמן) גוט, האַ ? געקריגען פון מיר ? ווילשט נאָך איינעם, האַ ? (טהוט איהם אַ כאַפּ פאַר אַ האַנד.)

ז ל מ ן : אוי, יענקעל, לאָז איין, זאָל איך אזוי לעבען, ווי איך האָב דיך ליעב, לאָז איין !...

ה י ר ש ב ע ר : ווערט איהר זיך אויפהערען צו שלאָגען פאַר דער שיקסע, א מהומה אויף אייך ביידען !...

י ע נ ק ע ל : נו, זלמן, דו׳שט ניט זשיין קיין הונד, האַ ? דושט זשעך ניט טשעפּען, האַ ? געדענק, זלמן ! (לאָזט איהם אָב.)

ז ל מ ן : (קלאַפּט איהם איבער׳ן אַקסעל) געזונד, ווי אַ בער... אוי, ווען איך וואָלט געהאַט דיין כח !... אָבער אזוי... יענקעלע, מיר זענען גוטע פריינד. היינט אויפ׳ן יאַריד טאַנצען מיר העי האָפּ !... (נעהמט איהם אַרום און זינגט) „וועליק דיען אידעט, קראַסני יאַיצאַ נעסעט, נעסעט, קראַסני יאַיצאַ נעסעט !...“

י ע נ ק ע ל : אָט אזשוי בישטו אַ מאַלאַדעץ, זלמן, און איך האָב דיך אויך ליעב. נאַטאַשאַ, איך׳ל אויף דיר וואַרטען אין קרעטשמע, איך׳ל זשיך געהן אָנטהאָן ווי אַ פּאַניטש. (דער געזאַנג פון׳ם דאָרף העכער.) נאַטאַשאַ, מען טאַנצט שוין ! (אָב.)

ז ל מ ן : ר׳ הירש בער, ווערט איהר מיך היינט מכבד זיין אויפ׳ן יאַריד ?

ה י ר ש ב ע ר : איך האָב דיך געדאַרפט מכבד זיין, איך האָב אָבער קיין כח ניט.

נ אַ ט אַ ש אַ לויפט אַרויס פון׳ם שטוב אין אַ רויטען, קורצשעווען קלייד מיט לענטעס און קאַראַלען.

נ אַ ט אַ ש אַ : ריש בער, געהסט ?

ה י ר ש ב ע ר : זעה נור, נאַטאַשאַ, ווי דו האָסט זיך אויסגעפּוצט ! אַ רויט קלייד, לענטיעס... ווערסטו מיט מיר טאַנצען ?

נ אַ ט אַ ש אַ : ווערסטו מיר קויפען א מתנה ?

ה י ר ש ב ע ר : געוויס. אַ גוטען שמעק טאַבאַק, וואו איז מיין טאַבאַקערקע ? (וויל זוכען ביי איהר אין׳ם בוזים.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (שטופּט איהם אָפּ און לאַכט) פערברענט זאָלסטו ווערען, ריש בער ! (לויפט אַוועק.)

ה י ר ש ב ע ר : חאַצע, גענוג זיך דאַרטען דיר צוקוועטשען. קום, מיר וועלען א קוק טהאָן דעם יאַריד...

ח אַ צ ע : (זיין קול פון׳ם שטיבעל מיט התלהבות) לעולם יהא אדם ירא שמים, האַי־האַי־האַי ! (ווייזט זיך ביים פענסטער, איינגעוויקעלט דעם קאָפּ אין אַ טלית, און אונטערשפּרינגענדיג מיט דער גרעסטער התלהבות) ומודה אל האמת ודובר אמת בלבבו... האַי ! — האַי ! — האַי. וישכם ויאמר : האַי־האַי־האַי !... (פערשווינדעט פון׳ם פענסטער.)

ה י ר ש ב ע ר : (אַרויסגענומען די פּושקע טאַבאַק) דו הערסט, זלמן, ווי ער דאַווענט עם ? עך, טראַסצע, אזש עס ווערט סומנע אויפ׳ן האַרצען ! (טהוט אַ שמעק טאַבאַק.) איך קען אזוי ניט דאַוונען. איך דאַווען פון א חסידישען סידור, ער פון א מתנגדישען, איינער דאַווענט אזוי, דער צווייטער אזוי און ווער ווייסט, ווי מען דאַרף אויף אן אמת דאַוונען ?... נאָך אַלעמען, וואָס ווייסט דאָס נאַריש מענשעל ? אפשר איז גאָר דער גלח אַרסעני גערעכט, אז ער צוטענה׳ט זיך מיט מיר, בשעת ער טרינקט מיט מיר אוים : טרין־טראַווא, הירש בער, אַלסדינג איז טרין־טראַווא. דער מענש איז אַ מענש כל זמן ער לעבט, צי א ראַבי, צי אַ פּאָפּ, צי אַ טערק, צי אַן אַנדער טשאָרט... כל זמן ער לעבט, איז ער מענש, שטאַרבט ער אָבער, איז ער ניט מעהר ווי פּאַדלע...

ז ל מ ן : נו, און יענע וועלט ?

ה י ר ש ב ע ר : יענע וועלט ? ער גלויבט ניט. ער איז אן אַפּיקורס, דער גלח ארסעני... ער דערצעהלט מיר א מעשה וועגען דעם דיאַקאָן אַרכיפּ... געווען אַ גרויסער שיכור... פּאַר אַ גלעזעלע שנאַפּס וואָלט ער געגאַנגען אויפ׳ן עק וועלט... בעת דער דאָזיגער אַרכיפּ איז געשטאָרבען, מאַכט צו איהם דער גלח אַרסעני : ברודער אַרכיפּ, איך בעט דיך, דו זאָלסט קומען צו מיר פון יענער וועלט צו גאַסט. איך וועל דיך מכבד זיין מיט אזא ביסעלע משקה, וואָס צייט דו האָסט געלעבט האָסטו נאָך ניט געטרונקען... און אַרכיפּ איז ניט געקומען !... וואָס איז דערפון גערדרונגען ? זאָל מען זאָגען, אז וואָס ? אז אַרכיפּ איז אַ גויעשער קאָפּ און האָט פערגעסען ? פרעגט זיך : שטייטש לעבעדיגערהייט וואָלט ער

דאָך ניט פערגעסען ?... אלא־וואָס־דען ? ער איז ניט געקומען, ווייל ער קען ניט געהן און ניט שטעהן, ווייל ער מוז דאָרטען ליגען און פוילען, איז דאָך טאקע דער גלח ארסעני גערעכט, אז סוף מענש איז פּאַדלע... (זלמן האָט זיך דערווייליע צו געגנב'עט צו הירש בער'ן און ארויסגענומען ביי איהם דאָס פלעשעל שנאַפּס פון קעשענע, האָט זיך געשטעלט צו איהם מיט'ן רוקען און טרינקט.)

ח אַ צ ע : (שפּרינגט צו צום פענסטער) האַי־האַי־האַי ! אבינו שבשמים חי וקים ! האַי־האַיהאַי ! עשה עמנו צדקה וחסד... בעבור שמך הגדול... (פערשווינדעט.)

ה י ר ש ב ע ר : זאָגט אָבער חאַצע, אז סוף גוי איז פּאַדלע און סוף איד זענען מלקות ! ווער קען זאָגען, וואָס דאָרטען איז ? עך, וואָס מאכט עס אוים ? וואָס מיט כל ישראל, זאָל זיין מיט הירש בער'ן. דערווייל דארף מען געהן אין קרעטשמע און פער־זוכען דעם אמת'דיגען עולם הזה ! (הייבט זיך אויף און טאַפּט אין קעשענע, כאַפּט זיך, אַז דאָס פלעשעל איז נישטאָ און דערזעהט עס ביי זלמן'ען אין די הענד.) אוי, אַ טראַסצע דיר אין האַרצען, זלמן !

ז ל מ ן : איך וועל אייך קויפען אנדערע. (לויפט אַוועק. הירש בער נאָך איהם.)

די ביהנע בלייבט אַ ווײלע אַליין. פון'ם דאָרף הערט זיך איצט דער געזאַנג שטאַרקער און ברענענדיגער. אַ האַרמאָניק קוויטשעט און אַ פידעל ריפּעט אַן איינטאָניג דאָרפיש מאָטיוו. עס קומען אויפ'ן הויף ז ל מ ן מיט נ אַ ט אַ ש אַ ן. ער איז שיכור'לעך און האַלט זי ביי אַן אַרבעל. נאָך זיי דאָרפישע שיקסעס און כלאָפּצעס, אָנגעטאָן יום־טוב'דיג.

ז ל מ ן : (שיכור'לעך) אָט דאָ וועלען מיר טאַנצען נאַטאַשאַ. שפּיעלט, די וועלף זאָלען אייך לופען ! (זינגט, טאַנצט מיט נאַטאַשאַ'ן, שטעלט זיך אָפּ) נו, גענוג, נאַטאַשאַ ! (כאַפּט זי אַן פאַר'ן אַקסעל) ווילסט איצט דעם רינג ? (טהוט אַ שמיץ דאָס היטעל אַן דער ערד) עך, אַז געלעבט זאָל זיין געלעבט ! (הייבט אויף דאָס היטעל) שאַ־באַש ! איך שפּיי אויף אַלעמען ! ביז אַ קאָפּיקע גיב איך היינט אויס, און טהו מיר עפּעס ! נאַטאַשאַ, פאַרוואָס האָסטו ליעב יענק־לען ? אָט דעם בוילע פאַרוואָס האָסטו ליעב, פרעג איך דיך ? צווישען אייך איז עפּעס דאָ אַן אנדער זאַך, אַ חוץ אַ ריס, אַ צופּ, אַ שפּיעל ? (שרייט) איז צווישען אייך עפּעס דאָ אַן אנדער זאַך, אַ חוץ אַ ריס, אַ צופּ, אַ שפּיעל ? ניין ? אַ מכה וועל איך דיר גע־

טאַטעניו, איך זיי א איד — איך זיי א איד

בען דעם רינג !... זאָל דיר יענקעל קויפען !... איז צווישען אייך עפּעס דאָ איין אנדער זאך ? נאַטאַשא, טשאָרט, טייפעל דו ! (צופּט זי פאַר׳ן אַרבעל.)

נ אַ ט אַ ש א : (שטויסט איהם אָב) וואָס אַן אנדער זאך ? וואָס קראקעסטו, וואראָנע דו ? איך וויל ניט דיין רינג, ווער פער־ברענט מיט דיין רינג !...

ז ל מ ן : נו, נו, שעלמא, זאָלען דיר די אויגען ארוים ! זיי ניט בייז. אַט איז דיר דער רינג. (זוכט אין דער קעשענע און נעהמט אַרוים אַ רינג און טהוט איהר אָן אויפ׳ן פינגער. די פויערען טריג־קען דערווייל. י ע נ ק ע ל, אָנגעטאָן יום־טוב׳דיג, אין זיין שוואַרצען פּידזשאַק און שטיוועל מיט הויכע אָבזאַצען, מיט׳ן היטעל אויף אַ זייט, מעשה דאָרפישער פראנט, קומט אויפ׳ן הויף שיכור׳לאך און טאַנצט אונטער אויף די פיס, ער האָט בעמערקט, ווי זלמן האָט געגעבען נאַ־טאַשאַ׳ן דעם רינג, טהוט ער אַ ציטער.

י ע נ ק ע ל : די וועלף זשאָלען זשיי פרעשען ! אזשוי גאָר, מתנות נעהמט זשי פון דעם הונד ? איך׳ל די ביינער ! (לויפט צו צו זלמן און טהוט איהם אַ שטוים פון נאַטאַשאַ׳ן) אוועק, איך וועל דיר די קישקעם ארוישלאָזשען ! (טהוט אַ שלעפּ צו זיך נאַטאַשאַ׳ן.)

ז ל מ ן : (צומישט) נו, שלאָג זיך, שלאָג זיך, פּרוף! (נעהמט זיך אָן ביי די זייטען) אַצינד האָב איך פאַר דיר קיין מורא ניט. איך מאַך פון דיר אש און שאַבאַש.

י ע נ ק ע ל : (טהוט אַ טראָט צו איהם) הא ? (זלמן אַנטלויפט.)

נ אַ ט אַ ש א : יענקעל, ביזט אָשאַלעיעט ?

י ע נ ק ע ל : נאַטאַשא, נעהם ביי איהם ניט קיין מתנות, נעה ניט מיט איהם, איך וויל ניט ! (רייסט ארונטער דעם רינג פון איהר פינגער) איך וויל ניט !

נ אַ ט אַ ש א : יענקעל, מיין פינגער ! (ער שמייסט דעם רינג אָן דר׳ערד, טאָפּטשעט מיט די פיס און שלעפּט זי צו זיך פאַר׳ן אַרבעל.)

י ע נ ק ע ל : איך וועל דיר קויפען א רינג, נאַטאַשא, איך וועל דיר קויפען, די וועלף זשאָלען דיך פרעשען !...

ח אַ צ ע קומט אַרוים פון׳ם שטוב. זלמן בעוויזט זיך ווידער.

ז ל מ ן : (שטעהענדיג פון וויטען) ר׳ חאצע איהר זעהט ? ער געהט טאַנצען מיט אַ שיקסע, אַן אבל... ער ועט זיך נאָך שמד׳ן,

רער בוילע, און וועט מיט איהר באסליערע האבען, איהר וועט שוין זעהן ! (פערשווינדעט.)

י ע נ ק ע ל : (טהוט זיך א כאפ) איך'ל זשעך שמאדען ? איך ? (בלייבט שטעהן צומישט און קוקט מיט שרעק ארום זיך) איך'ל זשעך שמאדען ?...

ח א צ ע : יענקעל, וואס טראכסטו זיך ? ווי האסטו קיין רחמנות ניט אויף דיין טאטען אין'ם קבר ? שטייטש, דו געהסט טאנצען, אן אבל ? יענקעלע, דו וועסט האבען א מיאוסען סוף ?... געדענק, דיין טאטע וועט דיר ניט שווייגען, איך מיין עפעס... איך וועל געהן שיקען אהער דיין מאמען (אב.)

י ע נ ק ע ל : (שעפצעט) באזשע מאי ! באזשע מאי !... (שלעפט נאטאשא'ן צומישט.)

נ א ט א ש א : וואו שלעפסטו מיך ?

י ע נ ק ע ל : איך האב מורא... עש איזש אזשוי סטראשנע. אוועק נאטאשא, אוועק !...

נ א ט א ש א : וואס באלטאיעסטו, יענקעל ? דו ביזט שיכור ?

י ע נ ק ע ל : (זעצט זיך אויף דר'ערד. נאטאשא נעבען איהם, ער מורמעלט. קוקט אהינטער זיך צושראקען) נאטאשא ! דו זשעהסט ווועמען ? דו זשעהסט ?

נ א ט א ש א : (קוקט זיך אום) וועמען זעהסטו ? דו ביזט שיכור, יענקעל !...

י ע נ ק ע ל : (שעפצעט) אל מאלעך נעמאן שמאיע שרול... שמאיע שרול... מעהר ווייס איך ניט !... באזשע מאי, שמאיע שרול...

נ א ט א ש א : דו מאליעסט זיך, יענקעל ?...

י ע נ ק ע ל : נאטאשא, אוועק, געה !... (פלוצים מיט וועהטאג) אוי, נאטאשא, איך בין דאך א איד, איך האב דאך א טאטען — מען שמייסט איהם דארטען... אוי, ווי ער שרעקט מיך, ווי איך האב מורא!.. נאטאשא, איך בין אשאלעיעט ! קרעשצען ווי א קריסט טאר איך זשיך ניט, און מאליען זשעך ווי א איד קען איך ניט ! באזשע מאי, שמאיע שרול, שמאיע שרול... (פערדעקט דעם פנים מיט די הענד און טרייסעלט זיך.)

נ א ט א ש א : (רייסט איהם די הענד פון'ם פנים) יענקעל,

סאקאל דו מיינער... דו וויינסט ? (ער קוקט אויף איהר אומגליקליך) יענקעל, וואס איז דיר ? האלוקא מאיא ביערנאיא. (צלמ'ט איהם.)

י ע נ ק ע ל : (שפרינגט אויף מיט שרעק) וואש טהושטו ? וואש טהושטו ? קרעשצע מיך ניט. (בלייבט שטעהן מיט גרויסע אויגען און סאפעט מיט'ן גאנצען קערפער, זי שפרינגט אויך אויף צושראָקען, שטעהט קעגען איהם און ציטערט. ז ל מ ן ווייזט זיך ווידער און געהט צו צו די שיכורע פויערים.)

ז ל מ ן : (שטיל) אט, רעביאטא, נאט איך פינף גריווינקעס אויף גארעלקי. טרינקט און שאבאש... צוברעכט אבער דערפאר יענקלען די ביינער... (די פויערים לאכען און רעדען שטיל.)

א פ ו י ע ר : (צוגעהענדיג צו יענקלען) העי יענקעל ! דו האסט געטרונקען אונזער גארעלקי? איצט קויף אונז דיין הארעלקי. (יענקעל קוקט אויף איהם ווי א גולם) וואס טראסצעסטו אויף מיר דיינע אויגען ? קויף, אלי... (כאפט איהם אן פאר'ן לאץ און טרייסעלט איהם) קויף, אלי... (טהוט איהם א שטויס אין די ברוסט.)

נ א ט א ש א : (צום פויער) פארוואס שלאגסטו יענקלען, פיאניצא דו אקאיאנער ?

י ע נ ק ע ל : (טהוט זיך ווילד א כאפ און א רעווע) מיך שלאגען ? (ווארפט זיך צום פויער מיט אן אימפעט און שלאגט איהם ווילד. דער פויער שריוט: „אי בראטצי, קאראאול!“ די אנדערע פויערים ווארפען זיך אויף יענקלען, רייסען פון איהם דאס העמד, שלאגען איהם. יענקעל איז צוקאכט, שלאגט רעכטס און לינקס. די פויערים לויפען, ער נאך זיי א ווילדער.)

נ א ט א ש א : (לויפט איהם נאך מיט שרעק) יענקעל, גענוג ! באזשע מאי, ער איז אשאלעיעט !

י ע נ ק ע ל : (שלאגענדיג) קאלי דראטסיא, טאקי דראטסיא ! אהא, די וועלף זשאלען אייך פרעשען !...

ה י ר ש ב ע ר קומט אן שיכור'לאך.

ה י ר ש ב ע ר : העי, טראסצע ! (ווארפט זיך אריין צווישען יענקלען און די פויערים. זיי בלייבען אלע שטעהן.) איך האב געמיינט, אז איהר טאנצט דא, שלאגט איהר זיך גאר, טראסצע וואשע מאטערי !... (יענקעל מיט א צוריסען העמד געהט און זוכט זיין היטעל.)

נאטאשא: (אויפחויבענדיג זיין חיטעל) זיי האבען דיך געשלאגען, יענקעל?

יענקעל: מיך געשלאגען? אהא!...

נאטאשא: (כאפט איהם אן ליידענשאפטליך) סילאטש דו מיינער, בער דו ווילדער, סאקאל דו שעהנער! כא־כא־כא! ווי דו האסט זיי געמאלען מיט דיינע שטארקע הענד! כא! כא! כא!.. (די פויערים, איינער טאפט די נאז. אנאנדערער האלט זיך פאר׳ן אויער. א דריטער הינקט אונטער אויף א פוס. אלע בורטשען, קוקען בייז אויף יענקלען.)

זלמן: ר׳ הירש בער, האט דער בוילע כח, הלוואי אויף מיר געזאגט געווארען...

הירש בער: דו דארפסטו ניט האבען קיין כח, ווארים אז א חזיר זאל האבען הערנער, וואלט ער די וועלט חרוב געמאכט. טראסצע טוואיע מאטערי. (נעהמט ארויס פון אונטער׳ן בוזעם א פלאש שנאפס) ארטיעם, איוואן, מיקאלאי, יענקעל, טרינקט, פאמירעט זיך. יענקלען דארף מען ניט אבידען. ער איז א ווילדער מענש, אבער אן אמת׳ער מענש, אהן פאלשע חכמות, א מענש ווי גאט האט בעשאפען... ווערסטו איהם ניט ארייגלייגען קיין פינגער אין מויל, וועט ער ניט אבבייסען... טשעפעט ניט קיין בער, ער האט לאפעס מיט שארפע נעגעל... כא־כא־כא! יאנקעלע, קום אהער. (יענקעל מיט נאטאשא׳ן געהען צו) יענקעל, איך האב דיך האלד... איך האב דיך אלע מאל האלד, אבער איצט, אז איך האב ארייננעגאסען, מחילה, האב איך דיך נאך מעהר האלד. (גיט איהם א גלעזעלע שנאפס) טרינק, מיין זוהן. (יענקעל וויל ניט) טרינק, טראסצע דיר אין׳ם הארצען! (יענקעל טרינקט אויס.) פערביים מיט נאך איינער. (יענקעל טרינקט ווידער) אט אזוי! און איצט מיט נאך איינער. (שטרעקט אויס דאס גלעזעלע צו יענקלען. יענקעל וויל נעהמען, הירש בער טהוט עס א כאפ צוריק) א מכה, דאס גלעזעלע טרינק איך אליין!..

יענקעל: (לאכט שיכור) הו־הו־הו... גוטער ספיריט, ר׳ הירש בער, פערווי סארט ספיריט... עמעשער ר׳ הירש בער! און איך בין שיכור, הו־הו־הו!...

הירש בער: און דו, זלמן׳קע, קריגסט ביי מיר א מכה. און איהר, רעביאטא, פאמירעט זיך מיט יענקלען, וועט איהר אויך קריגען!... (אלע — „יענקעל, יענקעל!“ קריכען צו איהם, קלאפען

איהם איבער'ן אַקסעל, ער לאַכט. הירש בער גיט אַפּ די פּויערים די פלאַש שנאַפּס) און איצט זאָל ווערען פרעהליך... רעביאטא, יענקעל, נאטאשא ! איך האָב האָלד צו זעהן, ווי איהר טאנצט ! טאנצט אביסעלע ! איך קען אויך טאנצען, אָבער אויף איין פוס...

אַ ל ע : טאנצוי, יענקעל ! טאנצוי, נאטאשא !... (אַ פּויער הויבט אָן צו שפּיעלען אויף אַ האַרמאָניקי, אַ צווייטער אויף אַ פידעל. יענקעל און נאַטאַשאַ לאָזען זיך אַוועק טאַנצען. אַלע אַרום זיי פילדערען און טאַנצען. ח אַ צ ע בעוויזט זיך אויפ'ן הויף.)

ח אַ צ ע : אָי, ער טאנצט טאקי, אן אבל !... אָט דאָס הייסט בעקלאָגט א טויטען טאטען ! (יענקעל טהוט זיך אַ טרייסעל.)

ה י ר ש ב ע ר : טאנץ, יענקעל, העך איהם ווי די קאץ, דעם קעלמער מורילע !

אַ ל ע : טאַנצוי, יענקעל, טאנצוי ! (יענקעל טאַנצט ווייטער מיט נאַטאַשא'ן. דער עולם טאַנצט מיט, זינגט און פילדערט.)

ז ל מ ן : אָן געהט זיין מאמע !...

נ ח ו ם קומט צו לויפען מיט אַ פּאָר פלעשער שנאַפּס איןביידע הענד.

נ ח ו ם : (שרייט פון ווייטען) יענקעל, א קרענק דיר אין דאר־צען, טאנץ ניט מיט שיקסעס, און טענה ניט ! (פערשווינדעט.)

י ע נ ק ע ל : (קוקט זיך אום, טאַנצענדיג.) העי, איך טאנץ און באסטא !... העי, מוזיקאַנטי, לעבעדיגער, זשיוועי !... כאטאשא, העי, האָפ־האָפ ! (קלאַפּט זיך מיט די כאָליוועס, דאַן מיט'ן הינטען אָן דר'ערד געגען דער טאַנצענדיגער נאַטאַשא'ן.)

אַ ל ע : אי־דאַ, יענקעל, מאָלאָדעץ, בראבוואסט !...

ח י י ק ע ל ע קומט צו לויפען.

ח י י ק ע : אוי מוהמע פרומע, ער טאנצט נאָך מיט די שיקסעס ! יענקעל, די מאמע געהט !

פ ר ו מ ע קומט צולויפען.

פ ר ו מ ע : (לויפט צו איהם מיט פערקאַשערטע הענד) יענקעלע, אונגליק מיינער, דער טאַטע וועט היינט ווידער קומען מיך מוטשען, וועה איז מיר ! (ער בלייבט שטעהן צושראָקען.)

ה י ר ש ב ע ר : יענקעלע, העך ניט דיין מאמע'ס באַיקעס! טאנץ ! (יענקעל נעהמט ווידער טאַנצען.)



איך זיך שמד'ן ? באָזשע מאָי, באָזשע מאָי !
שנאַ ישראל ! !

פ ר ו מ ע : יענקעלע, אכוואַטניק, לאָז דיין טאַטען רוהען אין'ם קבר ! (ער טאַנצט.)

ח י י ק ע : וואַרט, וואַרט, דער פעטער וועט זיך שוין אָפּ־רעכענען מיט'ן גוי !... (פּלוצים ווייזט זיך אויס יענקלען, אַז ער הערט זיין פאָטער'ס קול : יענקעלע זיי אַ איד ! אוי, וועט מען שמייסען !)

י ע נ ק ע ל : (טאַנצענדיג, קאָרטשעט זיך צוזאַמען, שרייט מיט שרעק) איהר הערט ? איהר הערט ? (קוקט זיך אַרום מיט שרעק.)

ה י ר ש ב ע ר : טאַנץ ! (יענקעלע הערט ווידער זיין פאָ־טער'ס קול.)

י ע נ ק ע ל ע : (צולויפענדיג צו זיין מוטער) מאַמוניו, דו הערשט ? (דריקט זיך צו איהר מיט שרעק.)

פ ר ו מ ע : איך הער נאָר נישט, יענקעלע, וואָס הערסטו ?

ה י ר ש ב ע ר : ער האָט, מחילה, גוט אריינגעשנאַפּסקעט, מוז ער הערען אין קאָפּ ! (יענקעלען דאַכט זיך, ער זעהט זיין פאָטער אין תכריכים, אַרויסקוקענדיג דורך'ן פענסטער פון דעם פישער'ס שטי־בעל.)

י ש ע י ה ו ' ס ק ו ל : יענקעלע, זיי אַ איד ; זיי אַ איד, אוי, וועט מען שמייסען !

י ע נ ק ע ל : (האַלב משוגע פאַר שרעק) מאַמוניו, ראַטעווע מיך ! (וואַרפט זיך אויף דר'ערד מיט גרויסע אויגען אויף'ן פענסטער) אוי, טאַטוניו, איך'ל זשיין אַ איד... איך'ל זשיין אַ איד. טשעפּע ניט ! טשעפּע ניט !... (וואַרפט זיך אַרום אויף דר'ערד מיט די הענד אויסגעשטעלט, אַקוראַט ווי ער וואָלט וועלען זיך פערטהיידיגען געגען ווענען.)

פ אָ ר ה אָ נ ג.

דריטער אקט.

דאָס פישער'ס שטיבעל. ה י ר ש ב ע ר זיצט אויף אַ בענקעל און שמירט זיינע שטיוועל מיט וואָרוועל. ח אַ צ ע זיצט ביים טיש און מאַכט איין ציצית אין אַן ארבע כנפות, וואָס ליעגט אויף'ן טיש. ז ל מ ן נייהט איין אַ קנעפּעל אין זיינעם אַ קאַפּטען. אין דרויסען איז שטאַרק כמורנע און אַ שטורם בושעוועט.

ח אַ צ ע : (דרעהענדיג די פעדים פון די ציצית מיט גרויסער כונה) אלף לשם מצוה, בייז לשם מצוה, גימעל לשם מצוה...

ה י ר ש ב ע ר : חאַצע, וואָס מיר פאַלט איין: דו ביזט אַ גרויסער למך, זאָלסט מיר מוחל זיין. דו פערשטעהסט נישט קיין עסק. אָט מאַכסטו איין ציצית אין יענקעלע'ס ארבע כנפות, האָסט איהם געמאַכט פאַר אַ פרומאַק, ער קוועטשט זיך שוין נעבאך ביים דאַווענען באַלד אַזוי ווי דו... וואָס טויג עס דיר, קעלמער? פערשטעהסט דען ניט, אַז וואָס וועניגער צדיקים עס וועלען זיין אויף יענער וועלט, אַלץ מעהר מיוחס וועסטו דאָרט זיין, טראסצא טוואיעי מאטערי?

ח אַ צ ע : (בעגייסטערט) ניט אמת, ר' הירש־בער? גאָט'ס חסד איז זעהר גרויס, איך מיין עפּעס! ווער וואָלט זיך עס געקענט ריכטען מיט אַ חודש צוריק, אַז יענקעלע'ס גוי'עש הארץ זאָל זיך אַזוי מורא'דיג בעקעהרען צו אידישקייט! (טהוט אַ פּאַטש אין די הענד מיט התלהבות) אוי, גאָטעניו־פאָטערל, ווער קען נאָך וויזען אַזוינע נסים ונפלאות, ווי דו! דאָס שוואַכסטע האַרץ מאַכסטו שטאַרק אין דיין אמונה... דעם פונק פון אידישקייט בלאָזטו פאַנאַנדער אין אַ פלאַם, אין אַ הייליגען פייער!... גאָטוניו, אוי גוואַלד! אַצינדער איז עשרת ימי תשובה, און יענקעלע דאַווענט מיט כונה, יענקעלע זאָגט אַ קאַפּיטעל תהילים... און אָט איז זיין ארבע כנפות און ער אַליין האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהם איינמאַכען כשר'ע ציצית! גוואַלד, וואָס פאַר אַ נסים האָט גאָט בעוויזען, גוואַלד, איך מיין עפּעס, גוואַלד! (כאַפּט זיך דרעהען מיט אַ ברען די ציצית) אלף לשם מצוה, בית לשם מצוה...

ה י ר ש ב ע ר : איך מיין אויך עפּעס, חאַצע. פאַר יע־דע עולה מאכסטו גאָט שולדיג. מאַכסט קראנק א געזונדען, שטאַר־קען מענשען; משוגע — אַ קלאָרען מענשען, און ווער איז שול־דיג? גאָט, נעבאַך!...

ז ל מ ן : איהר זאָגט, אַז יענקעלע איז פרום געוואָרען און אין דאָרף רעדט מען, אַז יענקעלע געהט זיך שמד'ן און וועט כאַס־לערע האָבען מיט נאַטאַשאַ'ן.

ה י ר ש ב ע ר : העי דו, זלמנקע, סמאראוואָז דו, [illegible]־~~צע־דיר אין הארצען~~! דאָס איז דיין קאָפּ, דו האָסט עס פאַנאַנדער־געלאָזען אַזאַ סלוך! היט זיך, זלמנקע, ווען יענקעלע זאָל זיך אַמאָל אַ נעהם טהאָן צו דיר, מעגסטו זיך שוין אָפּזעגענען מיט דיין נאַ־רישען קאָפּ, אַ מהומה אויף דיר! (ז ל מ ן לאַכט.)

ה י ר ש ב ע ר : אָהאָ, דער שטורם האָט זיך אָבער נישקשה'דיג צופּאַלאָשעט! היינט וועלען מיר שוין מוזען זיצען אין דערהיים און רוהען... זלמנקע, טהו אַ קוק, וואָס איז דאָרטען מיט די שיפען, צי האָט נישט אָפּגעריסען פון'ם ברעג?

ז ל מ ן : איך הולך... (טהוט אָן דעם רעקעל און קוקט אַרויס פון'ם פענסטער) אהאָ, ווי די כוואַליעס האָבען זיך צווישעט אויף'ן אָזערא, שפּרינגען אַרום, ווי ווייסע שעפּסען... (רוקט אָן דאָס היי־טעל) איך געה...

ה י ר ש ב ע ר : זלמנקע, אַז דו געהסט, פרעג שוין פאַר איין גאַנג דעם שטורם, וואָס גוואַלדעוועט ער אַזוי? אפשר וויל ער אַ שמעק טאַבאַק?...

ז ל מ ן : ער וויל אַ גלעזעלע פון אייער אמת'דיגע!... גיט, איך וועל איהם אַרויסטראָגען... (לאַכט.)

ה י ר ש ב ע ר : אָן אמת'ע טראַסצע וועל איך דיר געבען.. געה!... (זלמן אָב, לאַכענדיג. הירש בער געהט צו צום פענסטער און קוקט אַרויס) אוי, אוי, עס טהוט זיך חשך אין דרויסען! יעסין אויף דער וועלט... אַלע יאָהר אין דיעזער צייט וואַרפט די אָזערא אַ הע־לישע קדחת... די בוימער אין'ם וואַלד הויבען אָן צו פּיהלען אַ ברע־כעניש, אַ שטעכעניש אין די זייטען, קרעכצען, שרייען נעבאַך „חי וקים!" און עס העלפט זיי טאַקי, נעבאַך, ווי אַ טויטען באַנקעס! דער קאַלטער ווינד איז זייער מלאך המות און ער זינגט זיי זיין ברוך דיין אמת... עך, און אָט ערשט איז דאָך געווען זומער! דאָס

גאנצע לעבען איז אזוי: אַט בליהט מען, אַט וואַקסט מען און אַט פערדאַרט מען! (זיפצט און טהוט אַ שמעק טאַבאַק.)

פראקאפ קומט אריין דורכגענעצט, מיט איהם צוזאַמען רייסט זיך אַריין אַ הודיען פון׳ם ווינד אין די טיר.

פראקאפ: איש אַ פאַגאַדושקא, נ׳דא, טאַ־טאַ! (נעהמט אַרויס אַ פיפקע פון׳ם מויל און פעררויכערט) פאַהרסט נישט היינט אויף׳ן אַזורא, ריש־בער?

הירש בער: ניין, פראקאפ.

פראקאפ: טאַ־טאַ! און איך מוז ווידער אין וואַלד. שוין צוויי וועגלאַך האָלץ געבראַכט... מען מוז נאָך אַ דריטען מאָל פאַהרען — טאַ־טאַ! פערלירען אַ טאָג אין כאַזיאַסטווא איז אַן עבירה, בראַט! ריש־בער, איך וויל ביי דיר אַן עצה פרעגען, דו ביזט אַ קלוגער מענש... מיט מיין נאַטאַשקאַ׳ן איז ניט גוט. צי מען האָט איהר עין הרע געגעבען, צי זי איז קראַנק, אָבער דאָס מיידעל דערקען איך גאָר ניט; אָן זיצט זי דאָרט, אין אונזער פאַלאַווינע, און טראַכט, און אָכצעט. וואָס־ווען? עך, באָזשע מאָי, קיין טאָלק קען איך פון איהר ניט דערגעהן! ריש־בער, זי איז דאָס איינציגע, וואָס איך האָב אויף גאָט׳ס וועלטעל... גיב אַ גוטע עצה, וואָס טהו איך? צו זאָל איך זי פיהרען צו אַ זנאַכאַר, אָדער צו דעם כפעלדשער פון דער וואָלאָסט, הא, ריש־בער?

הירש בער: מאַך איהר חתונה, פראקאפ, אַט וואָס! פאַר אַזא מיידעל, ווי נאַטאַשא, איז דער בעסטער זנאַכאַר און דער בעסטער פעלדשער — אַ יונגער געזונדער מוזשיק!

פראקאפ: אמת, אמת, ריש־בער, איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. נאַטאַשא וויל אָבער ניט הערען פון דעם... די בעסטע כלאָפצעס פון׳ם דאָרף ווילען זי האָבען. זי זאָגט אָבער: ניעט, דאַ ניעט... עך, וואָס טהו איך מיט איהר? (עס דערהערט זיך אַ ווילדער רעוועץ פון דרויסען) וואָס איז דאָס? צי אַ מענש רעוועט עס אַזוי, צי דער ווינד?...

הירש בער: דער ווינד. (ווידער דאָס רעוועץ.)

פראקאפ: ניין, דאָס איז ניט דער ווינד, דאָס רעוועט אַ מענש... טאַ־טאַ! איש אַ רעוועץ, ווי מען וואָלט אַ מענשען גע־דושעט!...

הירש בער: (טהוט זיך א כאפ) אוי, דאָס איז יענקעל! מסתמא חלום'ט זיך איהם עפּעס ווידער! (דאָס רעווען.)

חאצע: טאקי יענקעלע'ס קול... איהם חלום'ט זיך עפּעס ווידער, וועה איז מיר!

פראקאפּ: וואו איז יענקעל?

הירש בער: ער איז נישט געזונד, קען זיך קיין אָרט נישט געפינען, איז ער אוועק צו דיר אין שייער אויף די פרישע היי זיך צולייגען.

פראקאפּ: זאָל ער נור מיר די היי ניט צוטאָפּטשען... נו, מען דאַרף פאָהרען אין וואלד... עך, א פּאָגאָדושקא, טאָ־טאָ!... (אָב.)

הירש בער: וואָס איז דאָרט מיט יענקעלען?... איהר האָט איהם אלע אזוי אָנגעשראָקען מיט אייערע חלומות און מוסר זאָגען, אז ער האָט איצט מורא אי פאַר טויטע, אי פאַר לעבעדיגע, א מהומה אויף אייער אלעמענס קעפּ!

יענקעל מיט א קאָפּ פול כ׳איט היי, א צוטומעלטער, מיט מוטנע אויגען, קומט אריין, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס, און סאָפּעט שווער. זלמן פיהרט איהם פאַר א האַנד און שמייכעלט.

יענקעל: (דערזעהענדיג חאצען, וואַרפט זיך צו איהם מיט א קרעכץ) ר׳ חאצע, ר׳ חאצע, שוין ווידער! ווידער!...

חאצע: וואָס?

יענקעל: (פערצווייפעלט, און ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער) דער טאטע! שוין ווידער!... (טוליעט זיך צו איהם.)

זלמן: (לאַכט) איך הער ביים אָזערא א רעווען, ווי פון א געקוילעטען אָקס. איך לויף אריין אין שייער, ערשט יענקעלע ליעגט אויף די היי, וואַרפט זיך ארום מיט די הענד און פיס און רעוועט: טשעפּע ניט! טשעפּע ניט! איך האָב איהם געמוזט דערלאַנגען עטליכע בוכצעס אין זייט, ביז ער האָט זיך אָטשוכעט... כא! כא! כא!

הירש בער: וואָס שצירעסטו דיינע צייהן, מורילע דו?... (צו יענקעלען) יענקעלע, זיי דו ניט קיין דזשיקאָן... טראַכט ניט אזוי פיעל וועגען דיין טאטען, וועט ער זיך דיר ניט חלום'ן. (ווייך, ווי צו א קינד) נאָר דו, דיין טאטע איז איצט פון דיר צופריעדען. דו ביזט גוט, פרום, א מענש א פאָלנער. ווי דער קעלמער

ווילֹ, ווי דיין פעטער נחום וויל... אוי, אויף זיי געזאָגט געוואָרען, וואָס זיי האָבען געמאַכט פון דיר! טפוי, אַ גוטע טראַסצע זיי אין האַרצען! (צו זלמן'ען) נו, וואָס שטעהסטו? האָסט שוין געזעהען די שיפען?...

ז ל מ ן : איינע האָב איך שוין ארויפגעשלעפּט.

ה י ר ש ב ע ר : און די אַנדערע?

ז ל מ ן : איך געה גלייך. (מאַכט נאָך יענקלען) הו־הו־הו, טשעפּע ניט! טשעפּע ניט! האָב איך איהם אַריינגעבוכצעט! כאַ! כאַ! כאַ! (אָב.)

ה י ר ש ב ע ר : נו, יאָ, אויף אַ געפאַלענעם בוים שפּרינ־גען ציעגען.

ז ל מ ן ווידער אַריין.

ז ל מ ן : ר' הירש־בער, דער גלח ארסעני וויל איך זעהן. גיכער, ער וואַרט אויף אייך אין זיין וואָגען. ער וויל אַביסעלע פיש און האָט פאַר אייך אַביסעלע י"ש... וועט איהר מיר געבען אַביסע־לע פון דעם אמת'דיגען?

ה י ר ש ב ע ר : דער גלח ארסעני?... (אָב מיט זלמנ'ען.)

י ע נ ק ע ל : ר' חאַצע, וואָש טהוט מען?

ח אַ צ ע : ראשית, טהו אָן דיין ארבע כנפות... (טהוט איהם אָן) אפשר איז ער איצט צו דיר געקומען, מחמת דו ביזט געגאַנגען אָהן אַן ארבע כנפות... איך מיין עפּעס. וואָס האָט ער דיר גע־זאָגט?...

י ע נ ק ע ל : ער האָט געזשאָגט... ער האָט געזשאָגט... (ציטערט) זשיי אַ איד, האָט ער געזשאָגט... פאַרוואָש איצט, ר' חאַצע?.. פאַרוואָש איצט? איך בין דאָך פרום... פאַרוואָש איצט, ר' חאַצע? (פערדעקט דעם פּנים און ציטערט.)

ח אַ צ ע : מסתמא איז דאָס מחמת דיינע פריהערדיגע עבירות... וואָס ווייס איך? וועה איז מיר, איך מיין עפּעס!...

י ע נ ק ע ל : יע, יע, דערפאַר... איך האָב געזשינדיגט... אָי, ווי איך האָב געזשינדיגט! (שעפּצעט) באָזשע מאָי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול!... ר' חאַצע, וואו איזש דער תהילים?

ח אַ צ ע : (גיט איהם דעם תהילים) ווילסט אַ קאַפּיטעלע תהילים זאָגען? זאָג, זאָג טאַקי, יענקעלע... איך וועל אויך זאָגען... אוי, ס'רא גאָט מיר האָבען, איך מיין עפּעס! (מישט אויף אין

תהילים) אָ דאָ זאָג: ליום שני... קאַפּיטעל למד... היינט איז דאָך מאָנטאג... (זעצט זיך אָן אַ זייט און זאָגט שטיל מיט אַ ניגון אויסוועניג) מזמור שיר חנוכת הבית לדוד...

י ע נ ק ע ל : (מיט דעם זעלבען ניגון, האַרצברעכענד) מיזשמור שיר קענוקאַס העבויאיש לאַדואוויד... ארעמיקאָ האדונאָי כי דאַלושיני הולאַי שעמאַכטע האָוואַי לי... ר׳ חאַצע, וואָש, פּרימערנא, קומט אַ אידען, ווען ער זשינדיגט מיט אַ גויעשער שיקשע?...

ח אַ צ ע : (זאָגענדיג תהילים פאַר זיך) נו, נו, אסור להפסיק... הפכת מספדי למחול לי פתחת ותאזרני שמחה...

י ע נ ק ע ל : (זאָגט אין זיין תהילים) האדונאָי העלישאָ מין שול נפשי הוישאינע מימאָרדי וואַיר... איזש וואָזש־זשע זשאָגט איהר, ר׳ חאַצע, האַ?

ח אַ צ ע : הם... וואָס?

י ע נ ק ע ל : ווען מען זשינדיגט מיט א גויעשער שיקשע? איזש וואָש־זשע, האַ?...

ח אַ צ ע : מיט אַ שיקסע ווען מען זינדיגט, וואָס קומט דערפאַר? אוי, איך מיין עפּעס, נאָך ערגער ווי מיט אַ אידישער אשת איש! סקילה איז ווייניג פאַר דעם... שרפה, הרג וחנק זיינען א שפּיי פאַר דעם, איך מיין עפּעס! איך האָב אַמאָל געהערט, ווי דער קעלמער מגיד, זכר צדיק לברכה, האָט וועגען דעם גע׳דרש׳נט. הער אוים, יענקעלע, מעגסט הערען. (מיט פייער און מיט אַ ניגון פון אַ מגיד) אַ אידען, וואָס האָט געזינדיגט מיט א גויה אויף דער וועלט — וואָס האָט מען איהם געטהאָן, בעת ער איז געקומען אויף יענער וועלט? מען האָט איהם, ראשית, אויסגעשמירט אין גאַנצען מיט סמאָלע פון׳ם קאָפּ ביז די פיס און מען האָט איהם איבערגעגעבען צום מלאך דומה אין די הענד אריין. (יענקעלע הערט מיט שרעק) און וואָס־זשע האָט דער מלאך דומה געטהאָן? ער האָט געלאָזט צו זיך רופען די יפת תואר לילית, ימח שמה וזכרה, און לילית, פערשטעהסטו מיך, איז ניט גלאַט אבי אַ נקבה קיי און שפּיי... איך מיין עפּעס! זי איז אַ נקבה בראַנד און פייער, אַז קיין איד זאָל זי ניט קענען. א לשון פּעך און שוועבעל, אויגען — פייערדיגע בליצען, און אַ יפת תואר איז זי, ממש אַ גוואַלד! די זון האָט ניט אַזאַ ליכטיג פּנים ווי זי. זי איז כמעט אַזאַ יפת תואר, ווי אונזער מוטער רחל, יעקב אבינו׳ס ווייב, איך מיין עפּעס! דו קענסט דאָך

אליין פערשטעהן, ווי שעהן זי איז, אז זי איז די רעכטע האנד פון דעם יצר הרע, אז זי איז די פלונית'טע פון דעם אשמדאי, פון דעם מלך פון אלע שדים און רוחות... הקיצור, לילית, ימח שמה, טהוט זיך א נעהם צום אידען, וואס האט געזינדיגט מיט דער גויה אויף דער וועלט... טהוט אויף איהם א קוק, און א בליץ צינדט אן זיין מוח; טהוט איהם א זאג „ברוכים הבאים א איד", און א שארפער חלף שניידט דורך זיין הארץ... זי שעהמט זיך ניט פאר א פרעמדען מאנסביל, לילית, ימח שמה, מאכט צו איהם הולטאיסקע שטיק: טהוט איהם א גלעט דא, דארט, ביז זי בע'כשופ'ט איהם... ער פערגעסט אויף וואס פאר א וועלט ער איז און וויל זי אויך א גלעט טהאן. אט דעמאלט, איך מיין עפעס... טהוט זי איהם א כאפ אן אט ווי ער שטעהט אזוי אויסגעשמירט מיט סמאלע, און קנאק אין ברענענדיגען אויוועז אריין, און קנאק אין ברענענדיגען אויוועז אריין!... (יענקעל קארטשעט זיך צוזאמען פאר שרעק) דאס פייער כאפט איהם ארום פון אלע זייטען; ער שרייט, בעט זיך רחמים און זי, לילית, מיט א גאנצער חברה שדים און לצנים, טאנצען געגען אויוועז, לאכען און רייצען זיך מיט איהם: הא, ווערסטו זינדיגען מיט א גויה, הא? וועסטו זינדיגען מיט א גויה? (מאכט דערבייי צו יענקעלען מיט ביידע הענד און די אויגען ברענען ביי איהם.)

יענקעל: (כאפט איהם פאר ביידע הענד) ר' חאצע, ר' חאצע. געוואלד! געוואלד! (כאפט זיך פאר'ן קאפ) וואזש זשאל איך טהאן! אך, שרעקט מיך ניט אזשוי!... איך ווער משוגע! זשאגט מיר, וואש איך זשאל טהאן? ר' חאצע, אפילו שטארבען האב איך מורא!... (פערצווייפעלט) אך, ר' חאצע, אך!...

חאצע: וואס, יענקעל?

יענקעל: איך... איך... (טהוט זיך א קלאפ אין די ברוסט) באזשע מאי, באזשע מאי, שמאיע שרול, שמאיע שרול!... (צוּוויינט זיך רחמנות'דיג.)

הירש בער מיט א פלעשעל שנאפס.

הירש בער: גאט שיקט צו דער פיש די וואסער, דעם גלח ארסעני פיש און מיר דעם גלח ארסעני מיט א פלעשעלע אמת'ער סמירנאוו'ס אצישצענע... (בעמערקט אז יענקעל וויינט) יענקעל וויינט? אך, אבער גאט שיקט ניט צו א גוטע טראסצע דעם קעל־

מער מורילע !... וואָס וויינסטו, יענקעל ? וואס האָט ער דיר שוין ווידער אָנגעפּלאַטשקעט ?

י ע נ ק ע ל : ניין, ר׳ הירש בער, ר׳ חאצע איזש א גוטער מענש, ער זשאָגט דעם עמעש... ר׳ הירש בער, איך האָב געזשינ־דיגט, אַי, האָב איך געזשינדיגט... וואָש זשאָל איך טהאָן, ר׳ הירש בער ?

ה י ר ש ב ע ר : לאָז זיך אויפעסען א לעבעדיגער פון חאַ־צען און ער זאָל מיט דיר דערוואָרגען ווערען, אָט וואָס דו זאָלסט טהאָן ! ווילדער, דו, דו ביזט דאָך שוין פרום, וואָס ווילסטו נאָך?..

י ע נ ק ע ל : (פערצווייפעלט) אָבער ליליש, אָט די מיט די פייערדיגע אויגען ?... אָט די מיט די בליצען ?... און זשי קנאַקט אין אייוועו ! און זשי קנאקט אין אייוועו !... און עש פּאַליעט די סמאָ־לע, און עש זשארעט, און עש ברענט, ברענט ! באָזשע מאָי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול !...

ה י ר ש ב ע ר : לילית ?... האָסט איהם שוין גענומען סטראַשען מיט לילית׳ן אויך ?...

ח אַ צ ע : איך האָב איהם נור דערצעהלט דעם קעלמער׳ס א דרשה... קיין אחריות ניט, פערשאַרען וועט עס איהם ניט, איך מיין עפּעס !...

ה י ר ש ב ע ר : דער קעלמער האָט דיך משוגע געמאכט, און דו מאכסט איהם משוגע ! (יענקעל זעצט זיך אויפ׳ן לעזשאַנקע, זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און זיפצט.)

נ ח ו ם, פ ר ו מ ע און ח י י ק ע אריין.

נ ח ו ם : א גאָט העלף ! (זעצט זיך און זיפצט.)

ה י ר ש ב ע ר : אהאַ, ברוכים הבאים, די גאנצע קאַפּעליע איז דאָ ! וואָס זיפצעסטו, נחום ? ווילסט א שמעק טאבאק ?

נ ח ו ם : ר׳ הירש בער, נישט גוט ! ישיעהו איז דאָך שוין היינט ווידער ביי מיר געוועז, זאָלט איהר מיר מוחל זיין... נישט גוט און טענה ניט !

פ ר ו מ ע : און ביי מיר איז ער דען היינט ניט געוועז, וואָס ?

ח י י ק ע : און צו מיר קומט דער פעטער ישעיהו אויך שוין די צווייטע נאכט...

י ע נ ק ע ל שפּרינגט אַרונטער מיט אַ גוואַלד פון לעזשאַנקע, שלעפּט מיט אַ טאָפּ, וואָס צופליהט אין בראָזגעס ; אַלע שפּרינגען אויף

צושראָקען. י ע נ ק ע ל מיט מוטנע אויגען און מיט אָן אָפּען מויל קוקט פאַר זיך.

ה י ר ש ב ע ר : טפּוי זאָלט איהר ווערען ! אַי, איהר קאָנט דאָך טאקי משוגע מאכען דעם קלאָהרסטען מענשען מיט אייערע חלומות ! רבונו של עולם, ווי לאנג נאָך וועט ישעיהו געהן צו אייך, געהט איהר שוין אמאָל צו איהם !... אז איהר ווילט, קענט איהר נעהמען מיט זיך צו איהם דעם קעלמער אויך, און זאָל זיין אמאָל א סוף !

נ ח ו ם : דאָס איז ניט קיין שוטקע, ר׳ הירש בער, פרימע־ריטשע. ער האָט דאָרט אויך דערהערט, וואָס מען רעדט אין׳ם דאָרף, אז יענקעל וויל זיך שמד׳ן...

ח י י ק ע : און כאסלעריע האָבען מיט דער שיקסע... אוי, ווארט, ווארט, בוילע ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט דיר, דיין טאַטע ! (וויינט אין ארבעל.)

פ ר ו מ ע : ישעיהו האָט מיך היינט שיעור ניט דערוואָרגען אין׳ם בעט.

י ע נ ק ע ל : (צונויפגעקאָרטשעט, מיט אויסגעשטעלטע הענד וואַרפט זיך צו זיין מוטער) איך ? איך׳ל זשיך שמאַדען ? איך ? מאַמוניו, זאָל איך קראפּירען, ווי א הונד ! אוי, וואָש וויל מען פון מיר ? (שטאַרק ליידענשאַפטליך) מאַמוניו, ניט עמעש, ניט עמעש ! זשאָל מיך דער טאַטע זאדושען, אויב דאָש איזש עמעש... מאַמוניו, איך בין א פרומער איד. (כליפּעט רחמנות׳דיג) איך בין א פרומער איד. תהילים זשאָג איך... איך דאַווען... איך בין פרום... ר׳ חאַצע, כאָטש איהר זשאָגט מיין מאַמע׳ן !... ר׳ הירש בער, כאָטש איהר זשאָגט !...

ח אַ צ ע : איך מיין עפּעס, אז יענקעל איז אצינד פרום, הלוואי אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען.

ה י ר ש ב ע ר : לאָזט איהם צופריעדען מיט אייערע חלומות, אלע בייזע חלומות צו אייערע קעפּ ! קום אהער, יענקעל ! (שלעפּט איהם צו צו זיך. יענקעל דריקט זיך צו צו זיין ברוסט, ווי אַ הילפלאָזעס קינד) שא, שא, יענקעל, וויין ניט. דו ביזט איצט פרום, גאָט זעהט עס און קלייבט אוודאי נחת פון דיר... און זיי הער ניט, זיי זיינען משוגעים ! עך, טראסצע, וואָס איז ער, יענקעל ? א גרויסע עופה׳לע מיט זיין שכל, א שטאַרקער בער מיט זיין גבורה.

צורייצט איהר דעם בער, איז אז אָך און וועה דעמאָלט צו אייך. צורייצט איהר אָבער די עופה'לע, איז אז אָך און וועה צו איהר!

י ע נ ק ע ל: ר' הירש בער, איהר ווישט דאָך... איהר ווישט דאָך... זשאָגט מיין מאַמע'ן... טאַטעלע — ר' הירש בער, איהר זשייט מיר אַן עמעשער טאַטעלע, איהר זשאָגט מיין מאַמען, אזש דער טאַטע וועט קומען, זשאָל זשי איהם זשאָגען, אזש איך בין אַ פרומער איד... תהילים זשאָג איך, קריאת שמע זשאָג איך. (קלאַמערט זיך אָן איהם און מיט וועהטאָג) טאַטעלע — ר' הירש בער! טאַטעלע — ר' הירש בער!...

פ ר ו מ ע: וואָס זאָל איך איהם זאָגען, יענקעל? און אליין ווייס ער דען ניט, אז דו ווילסט זיך שמד'ן און כאַסליערע האָבען מיט נאַטאַשא'ן?

י אַ נ ק ע ל: וואָש? מיט נאַטאַשא'ן חאשינע האָבען? איך? (קאָרטשעט זיך צוזאַמען) מיט נאַטאַשא'ן? עך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי, שמאַיע שרול! (פאַלט צו צו דער וואַנד און וויינט הילפלאָז.)

ה י ר ש ב ע ר: זלמן'קעם קאָפּ! דאָס איז אַ ליגען, כזב ושקר...

ח אַ צ ע: איך מיין עפּעס, אז דאָס איז כזב ושקר... יענקעל קוקט גאָר ניט איצטער אין גאנצען אויף אַ פרעמדער נקבה, ניט וואָס אויף אַ שיקסע, איך מיין עפּעס...

י ע נ ק ע ל: (טהוט זיך אַ כאַפּ) ער, ער זשיינע באַיקעס, זלמן'קעם!... איך'ל איהם די קישקעס ארויסלאָזשען! מאַמוניו, חייקע איזש מיין כלה, חייקע! (כאַפּט אָן ווילד חייקע'ן פאַר אַ האַנד) זשי איזש מיין כלה, די וועלף זשאָלען זשי פרעשען, זשי! מיט איהר וועל איך חאשינע האָבען! נור מוטשעט ניט, האָט רחמנות!

ח י י ק ע: (מיט שמחה) טאַטע, אַ טאַטע, דו הערסט, וואָס יענקעל זאָגט? אוי, איך גלויב איהם... יענקעל, דיין טאַטע האָט אונז געזאָגט אַ ליגען... ~~אַ כאָלעריע~~!...

פ ר ו מ ע: וועה איז מיר, חייקעלע, אויף וועמען האָסטו געזאָגט אַ ~~כאָלעריע~~?...

ח י י ק ע: (צושראָקען) איך האָב נישט געמיינט דעם פעטער ישעיהו'ן. (שלאָגט זיך איבער די ליפּען.)

נ ח ו ם: אוואו איז די בייטש?... (ח י י ק ע ל ע שפּרינגט

אַף אַהינטער יאַנקלען) בהמה דו, זאָלסט מיר מוחל זיין, ער בעמיהט זיך דאָרטען פאַר דיר, ~~א שלאַג זאָל דיך געהמען~~, און טענה ניט !

פ ר ו מ ע : ר׳ הירש בער, מיר זיינען געוועזן ביים רב אין אַסטראָוונע און האָבען איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה מיט יענקל׳ן און ער האָט אונז געזאָגט, כאָטש יענקעל איז אן אבל, פונדעסטוועגען זאָלען מיר איהם וואָס גיכער חתונה מאַכען, כדי צו ראַטעווען איהם פון שמד. דערפאַר איז ביי אונז געבליבען, אַז די חתונה זאָל זיין אין דריי וואָכען אַרום, דעם צווייטען טאָג חול המועד סכות... זעהט, ר׳ הירש בער, אַז ער זאָל וועלען חתונה האָבען מיט אַן אידיש קינד ! (כליפּעט.)

ה י ר ש ב ע ר : נו, ער זאָגט דאָך אַליין, אַז ער וועט חתונה האָבען מיט חייקען, וואָס ווילט איהר נאָך ?

פ ר ו מ ע : דו הערסט, יענקעל ?

י ע נ ק ע ל : גוט, גוט, איך׳ל חאַשינע האָבען, איך׳ל חאַשינע האָבען...

נ ח ו ם : זעה, יענקעל, דו זאָלסט אונז נור ניט אונטערפיהרען, פּרימעריטשע. צו א חתונה מוז מען זיך אָנגרייטען.. א שטיקעל וויל איך קוילען פאַר דער חתונה, דעם ראַבען בייקעל, זאָלסטו מיר מוחל זיין, דאַרף מען זיין זיכער, אַז דער חתן איז א חתן און די חתונה איז א חתונה, און טענה ניט !

י ע נ ק ע ל : (אויפגערעגט) איך׳ל חאַשינע האָבען, חאַשינע האָבען, כאָטש מאָרגען... אַבי לאָזשט מיך !... (קלאַפּט זיך אין קאָפּ) לאָזשט דיכנען מיין קאָפּ, די וועלף זשאָלען איך פרעשען ! (זלמן אַריין) איך׳ל חאַשינע האָבען, אַבי מוטשעט נישט אַזשוי !..

ז ל מ ן : דו האָסט חתונה, יענקעל ? מיט וועמען ?

י ע נ ק ע ל : (טהוט זיך אַ וואָרף אויף איהם מיט אַ ווילדען רעווען) מיט נאַטאַשא׳ן, הונד ! מיט נאַטאַשא׳ן ! (טהוט איהם אַ שליידער אָן דר׳ערד.)

ז ל מ ן : יענקעל, קאַראַאול ! יענקעל, האָב רחמנות !

י ע נ ק ע ל : (דריקט איהם צו דר׳ערד) איך׳ל זשיך שמאַדען הא ? איך׳ל זשיך שמאַדען ? !

א ל ע : יענקעל, לאָז איהם אָפּ !

ה י ר ש ב ע ר : (כאַפּט אָן יענקעלען, ח אַ צ ע העלפט) לאָז

איהם איין יענקעל ! זיין טרפה'נע נשמה וועט פון איהם ארויס אָהן דיר ! (שלעפּט איהם אָפּ פון זלמן'ען.)

ז ל מ ן : (שפּרינגט אויף) אוי, ער האָט מיך שיעור ניט דער־הרג'עט !

י ע נ ק ע ל : (טהוט זיך אַ ריס פון הירש בער'ן) איך'ל זשיך שמאַדען, הא ? (טהוט זיך ווידער אַ לאָז נאָך איהם.)

ז ל מ ן : אוי, ער איז ווילד געוואָרען ! (לויפט אַרויס.)

י ע נ ק ע ל : איך'ל אייך אַלעמען די קישקעס ארויסלאָזשען, אַלעמען, די וועלף זשאָלען אייך פרעשען !...

נ ח ו ם : די טרפה'נע בלוט האָט זיך אין איהם צוקאָכט ! יענקעל, וואָיעווע ניט אזוי ! איך בין דאָ, זאָלסט מיר מוחל זיין, דיין מאַמע איז דאָ, דיין כלה איז דאָ, האָב דרך ארץ, זאָלסט מיר מוחל זיין, און טענה ניט !

י ע נ ק ע ל : (ווילד) איך טענה ניט, איהר טענה'ט ! איך'ל חאשינע האָבען מיט חייקע'ן ! איך בין פרום ! תהילים זשאָג איך ! קריאת שמע זשאָג איך ! וואָש נאָך ווילט איהר פון מיר ? ארויש ! ארויש פון דאנען ! איך'ל (כאַפּט אַ בענקעל, טהוט אַ שמיץ אָן דר'ערד, דער בענקעל צופליהט אין שטיקער) ארויש, איהר מאכט מיך משוגע !...

ה י ר ש ב ע ר : יענקעל, מאך ניט חרוב פראקאפּ'ס שטוב !... און איהר געהט אייך געזונטערהייט... ער וועט שוין חתונה האָבען... דערווייל געהט מיר צו אלדע שווארץ יאָהר !

נ ח ו ם : נו, מילא, א גוטען, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. קום, פרומע, חייקע !

ח י י ק ע : יענקעל, א גוטען טאָג דיר. (ער שווייגט.)

פ ר ו מ ע : אַ גוטען טאָג דיר, מיין זוהן... נארוניו, וואָס דאַרפסטו זיין אזוי אין כעס ? איך מיין דאָך אוודאי ניט דיין רעה !...

י ע נ ק ע ל : (פּלוצים וואַרפט זיך צו איהר, ווייך און מיט רחמנות) מאַמוניו ! אָט דאָ, אָט דאָ... א שריפה איז דאָ ביי מיר אין'ם קאָפּ... אַ פייער ברענט דאָ ביי מיר !... (קלאַפּט זיך אין קאָפּ) מאַמוניו, זשיי ניט בייזש, איך האָב דיך ניט געוואָלט אָבידען ! זשאָג דעם טאטען, ווען ער וועט קומען, אזש איך'ל חאשינע האָבען מיט חייקע'ן... מאַמוניו, איך'ל חאשינע האָבען, איך'ל זשיין

איך זיך נישט קרעשצען — איך א איד! — איך א איד!

פרום. . זשאַג־זשע דעם טאַטען, ער זשאָל מיך ניט מוטשען אזשוי, ער זשאָל מיך ניט שרעקען...

פ ר ו מ ע : נו, נו, יענקעל, איך׳ל שוין זאָגען... וועה איז מיר, ווי דו קוקסט אויס !... נו, זיי־זשע געזונד, מיין קינד ! (אָב מיט נחום׳ן און חייקע׳ן.)

ה י ר ש ב ע ר : נו, אוועק ! ברוך שפטרנו ! (יענקעל זעצט זיך ביים טיש און שפאַרט אָן דעם קאָפּ. הירש בער געהט צו צום פענסטער) עס לייטערט זיך אויס... מיר וועלען, דאכט זיך, היינט קענען ארויספאָהרען אויף׳ן אָזערא... האַצע, איך רעכען, מיר זאָלען דערוויילע די שיפען אַרומזעהן... קום, קעלמער, פערקאשער אָקאָרשט די אַרבעל.

ח אַ צ ע : דו געהסט, יענקעל, מיט אונז ?

ה י ר ש ב ע ר : לאָז איהם זיך אָטשוכען, א רחמנות ! אוי, קעלמער, קעלמער, יענקעל׳ס מלאך המות דו ! נו, קום שוין, קום, טראסצא טוואָיעי מאטערי !... (ביידע אָב.)

י ע נ ק ע ל בלייבט זיצען אַליין ביים טיש מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, טיעף פערטהאָן אין זיך.

נ אַ ט אַ ש א קומט אַריין אויף די שפּיץ־פינגער, קוקט זיך ארום פער׳גנב׳עט.

נ א ט אַ ש א : (געהט צו צו איהם) יענקעל ! (ער שפּרינגט אויף מיט אַ ווילדען געשריי און קוקט אויף איהר מיט צושראָקענע אויגען און סאָפּעט שווער. זי איז אויך דערשראָקען פון זיין געשריי.) וואָס האָסטו זיך דערשראָקען, יענקעל ? ביזטו קראנק ? ווי דו זעהסט אויס, סאָקאָל טי מאָי !... (ער וואַרפט זיך פלוצים מיט׳ן פנים צום טיש און וויינט פערשטיקט) יענקעל, דו וויינסט ? פארוואָס ? איז דיר אויך אזוי שלעכט, ווי מיר ? (גלעט איהם) נו, וויין ניט, יענקעל... וויין ניט... מיר וועלען בעסער ריידען... מיר זיינען אַליין... שוין פיער וואָכען, ווי דו אנטלויפסט פון מיר... פאַרוואָס, יענקעל ?... איך האָב דאָך דיר, קיין שלעכטס ניט געטהאָן?.. נו, טהו א קוק אויף מיר !... (נעהמט איהם אַרום און שעפּצעט) איך ליעב דיך, וואָ, ווי איך האָב דיך ליעב, סאקאל טי מאָי !... אז דו וואָלסט וויסען, וויפיעל איך האָב זיך אָנגעסטראַיעט פאַר דער צייט... יענקעל, מאָי יענקעל !... (דריקט זיך צו איהם.)

י ע נ ק ע ל : (הויבט אויף דעם קאָפּ און קרעכצט אַרויס) אך,

נאטאשא, איך ליד אזשוי, אזשוי... פארוואָס ביזשטו ניט קיין אידישע, נאטאשא ? ! (טהוט זי ווילד א כאַפּ און קוקט איהר אַריין אין די אויגען) נאטאשא, דו ביזשט אזשוי שעהן, איך האָב דיך אזשוי ליעב ! דיינע אויגען, נאטאשא, דיינע אויגען, ליליש, א בישוף ליעגט אין זשיי, א בישוף. דו ביזשט, נאטאשא, האטשעם ליליש !... אר־אר־או, נאטאשא, אר־או ! (קושט זי ווילד און ברעכט זי אין זיינע ארעמס.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (האַלט איהם אַרומגענומען) יענקעל, וואָס האָט דאָ חייקע געטהאָן ? פארוואָס האָסטו מיך די לעצטע פיער וואָכען ניט געלאסצעט ?... איך האָב געוואַרט אויף דיר אין וואלד און דו ביזט ניט געקומען. איך האָב דיך געזוכט דאָ און דו האָסט מיך נישט געזעהן !... פארוואָס ? אוי, איך האָב געמיינט, אז איך ווער אשאַלעיעט !

י ע נ ק ע ל : אָה, שווייג, שווייג, טייפעל ! אוי ! נאטאשא, אוי ! (קושט זי ווילד.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (דריקט איהר קאָפּ צו זיין ברוסט) איוואן דער פישער האָט מיר געזאָגט, אז דו ועסט זיך קרעשצען און ועסט מיט מיר חתונה האָבען.

י ע נ ק ע ל : (אויפשפּרינגענדיג בלייך און צושראָקען) קרעשצען ? איך ? !... (צווישען די ציינער) נאטאשא, חייקע איזש מיין כלה, חייקע !... דו ביזשט א ווערעדמא, א טייפעל !... קריך ניט צו מיר, קריך ניט, זשאָג איך דיר, דו ביזשט א טייפעל ! אנטלויף פון מיר, איך וועל דיך טויטען ! אוביו, ווערעדמא, אוביו, אנטלויף !...

נ אַ ט אַ ש א : (הענגט זיך אָן אָן זיין ארעם) יענקעל, דו וועסט חתונה האָבען מיט חייקע'ן ? און וואָס זאָל איך טהאָן, האַלוקא מאָיאַ ביעדנאַיאַ ? יענקעל, איך ווער באלד מוטער !...

י אַ נ ק ע ל : (שפּרינגט אָפּ, ווי אַן אָפּגעקאָכטער) דו ? ! מוטער ? !.. דו ? !... (ווילד) ווערעדמאַ ! ! טייפעל ! ! ! ! (טהוט זי א שטויס אין ברוסט.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (פאַלענדיג אויף דר'ערד) אובעי מעניא, אובעי מעניא ! אניט וועט מיך דער דיעדושקא טויטען ! (שלאָגט זיך אין ברוסט) טויטע מיך ! אובעי מעניא, אובעי !...

י ע נ ק ע ל : ~~(פאַלט צו צו איהר מיט א יאָמער) נאטאשא,~~

אור־אור־או! נאַטאַשאַ! (קושט זי ווילד און קרעכצט. טהוט זיך דאַן אַ כאַפּ) וואָש טהו איך? (שפּרינגט אויף) וואָש זשאָל איך טהאָן?... באָזשע מאָי, שמאַיע שרול, שמאַיע שרול!.. (לויפט אַרויס מיט אַ פערשטיקט יאמער פון׳ם הויז.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (טהוט זיך אַ הויב פון דר׳ערד) יאַנקעל! (וואַנקט צוריק) יאַנקעל!... (דרעהט זיך צוזאַמען, ווי אַ בייגעל, מיט׳ן פּנים אין שוים און וויינט רחמנות׳דיג.)

פּ ר אַ ק אַ פּ קומט אַריין מיט אַ פּיפּקע אין׳ם מויל. דערזעהענדיג נאַטאַשאַ׳ן אויף דר׳ערד, נעהמט ער אַרויס פערוואונדערט די פּיפּקע פון׳ם מויל און טהוט אַ קראַץ די פּאַטילניצע.

פּ ר אַ ק אַ פּ : (געהט צו צו איהר, רוהיג) נאַטאַשאַ! (זי טהוט אַ ציטער, אַ קרעכץ, הויבט אויף דעם קאָפּ, בלייבט שווייגען און קוקט אויף איהם מיט אויגען, וואָס דריקען אויס געבעט, מורא און וועהטאָג) טאָ־טאָ! דו ביזט נאָך אַלץ קראַנק? וואָס קוקסטו אויף מיר, ווי אַן אָפּגעשציפּלעטער ציפּליאָניקעל, מיידעל? האַ?...

נ אַ ט אַ ש אַ : (טהוט זיך אַ וואָרף צו איהם און כאַפּט איהם ארום זיינע קניע מיט אַ יאָמער) דיעדושקאַ פּראַקאַפּ, זיי מיר מוחל, איך בין אַ פערשאָלטענע!... פערלאָרען איז מיין קאָפּ, פערלאָרען! דיעדושקאַ, אובעי מעניאַ, טויטע מיך! איך בין אַ פּאָטאַסקוכאַ, אַ צולאָזענע! איך ווער באַלד מוטער, ~~דיעדושקאַ, איך האָב געזינ־ דיגט. טויטע מיך, איך ווער באַלד מוטער!~~ (קושט איהם די פיס) ~~טויטע מיך!~~...

פּ ר אַ ק אַ פּ : (טהוט אַ ציטער מיט׳ן גאַנצען קערפּער) ביזטו משוגע, מיידעל? וואָס האָסטו געזאָגט? נאַטאַשאַ, דו ברעשעסט! (טרעט אָפּ צומישט עטליכע טריט פון איהר און סאָפּעט שווער) טאָ־טאָ! (קראַצט זיך אין פּאַטילניצע) דערפאַר איז זי געוועזן אַזוי! טייפעל דו! (פּויזע. זי וויינט. ער געהט צו צו איהר און טהוט זי אַ שטויס מיט׳ן פוס) שטעה אויף, מיידעל! קוויטשע ניט, סוטשקאַ טי!... שטעה אויף, רייד מיט אַ טאָלק. ווער איז דער כלאָפּעץ, האַ?

נ אַ ט אַ ש אַ : יענקעל, דיעדושקאַ, יענקעל!

פּ ר אַ ק אַ פּ : (טהוט אַ שפּרונג) יענקעל? דער נעבריסט? דער זשיד?! (קוקט אויף איהר מיט וועלפישע אויגען. פּויזע. שטיל, צווישען די ציינער) נו, מיידעל נו?... (געהט צו צו איהר מיט לאַנג־ זאַמע טריט, מיט אַ צונויפגעדריקטען פויסט אין פאָראויס) וואָס זאָל

איך טהאָן מיט דיר, פּאַטאַסקוכאַ, וואָס ? (הויבט איבער איהר דעם פויסט.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (אויף די קניע, בויגט איין דעם קאָפּ) טויטע מיך, דיעדושקאַ, טויטע מיך ! מיר איז שווער צו לעבען !...

פּ ר אַ ק אַ פּ : (לאָזט אַרונטער די האַנד) טאָ־טאָ ! עך, נאַטאַשאַ, עך, פּאַטאַסקוכאַ דו, וואָס האָסטו געהאַט צו מיין אַלטען, סיווען קאָפּ ? צו האָבען געפעהלט כלאָפּצעס אין׳ם דאָרף, וואָס האָבען זיך גע׳שדכנ׳ט צו דער קראַסאַוויצאַ נאַטאַשאַ׳ן ? פאַרוואָס האָסטו זיך סניוכעט מיט אַ נעכריסט ? נאַטאַשאַ, וואָס וועט פון דיר איצט ווערען ? וואָס׳ער עהרליכער מוזשיק וועט איצט וועלען קוקען אין דיין זייט ? עך, פּאַטאַסקוכאַ, פּאַטאַסקוכאַ, האָב איך דיר ניט געזאָגט, דו זאָלסט זיך היטען ? האַ ? !...

נ אַ ט אַ ש אַ : ער איז געווען מיין שעהנער סאָקאָל, דיעדושקאַ ! איך בין שולדיג, מיין זינדיג האַרץ איז שולדיג... איך האָב איהם געליעבט, איך בין שולדיג !.. (פויזעט צו איהם אויף די קניע, די הענד אויסגעשטעלט צו איהם.)

פּ ר אַ ק אַ פּ : טאָ־טאָ, דו ביזט שולדיג ! (קלאַפּט אויס די פּיפּקע אויף דער האַנד און שטאָפּט זי אָן מיט טאַבאַק) דו ביזט שולדיג ! (רייבט אָן אַ שוועבעלע און פערדרויכערט) טאָ־טאָ, ווער דען איז שולדיג ? (געהט דורך די שטוב, פּיפּקענדיג, און שטעלט זיך ווידער אָפּ געגען איהר) נו, מיידעל, וואָס וועט איצט זיין ? אַז דיין כלאָפּעץ וואָלט געווען אַ מוזשיק, אַ כרעסטיאַנין, וואָלט איך איהם שוין פאַר׳ן קאָפּ צו דיר געבראַכט, אַז ער זאָל מיט דיר חתונה האָבען... אָבער יענקעל, דער נעכריסט ?.. (טהוט זיך אַ וואָרף ווילד צו איהר) פּאָטאַסקוכאַ דו, אַז דו האָסט געוואָלט זיין אַ פּאָטאַסקוכאַ, האָסטו ניט געקענט מיט אייגענע כלאָפּצעס ?... אוביו טשערוואַ, אוביו ! איך וועל דיך טויטען ! (הויבט די הענד איבער איהר.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (קלאַמערט זיך אָן זיינע פיס) טהו עס, דיעדושקאַ, טהו. מיר איז שווער צו לעבען !

פּ ר אַ ק אַ פּ : (טהוט זי אַ שטויס פון זיך) פּראָטש ! דו אַקעלעיעסט נאָך ניט ! דיך וועל איך נאָך זעהן !... וואו איז דער נעכריסט ? ער וועט זיך שוין ביי מיר קרעשצען ! אניט איז דאָ דער האַק, מיט וועלכען איך האַק די האָלץ אין׳ם וואלד! וואו אז ער ?!... (לויפט אַרויס.)

נ א ט א ש א : (וואַרפט זיך נאָך איהם) ריעדושקא !... באָזשע מאָי, ער וועט טויטען יענקלען !... ריעדושקא !... (לויפט אַרויס נאָך איהם.)

די ביהנע אַ ווײַלע אַליין.

י ע נ ק ע ל קומט אַריין פערטהאָן אין זיך מיט אַ לײַדענדען געזיכט. נעהמט דעם תהילים פון'ם טיש און קושט איהם.

פ ר א ק א פ קאַלטבלוטיג מיט דער פּיפּקע אין מויל און מיט אַ האַק איבער'ן אַקסעל ; אין זײַנע אויגען נור, וואָס קוקען ווי בײַ אַ הונגעריגען וואָלף, שפּיעגעלט זיך אָפּ זיין אויפרעגונג.

פ ר א ק א פ : (צוגעהענדיג צו יענקלען, טהוט איהם ווילד אַ שלעפּ פאַר'ן אַקסעל צו זיך) נעבריסט, אַהערצו ! (יענקעל קוקט אויף איהם צושראָקען. פּראקאָפּ האַלט איהם פאַר'ן אַקסעל און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין) וואָס האָסטו געהאַט צו מײַן נאַטאַשאַ'ן ? ענטפער ! (יענקעל לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און צו־וויינט זיך ווי אַ קינד) ענטפער, נעבריסט ! וואָס האָסטו געהאט צו מײַן מײַדעל ?...

י ע נ ק ע ל : (הילפלאָז) מײַן שולד, פּראקאָפּ, מײַן שולד !

פ ר א ק א פ : טאָ־טאָ, דײַן שולד ! פּאַרוואָס־זשע זאָל נאַטאַשאַ לײַדען, אַז דאָס איז דײַן שולד ?... וואָס זאָל איך טהאָן מיט דיר, ענטפער !

י ע נ ק ע ל : איך ווייש ניט.

פ ר א ק א פ : (לאָזט איהם אָפּ) דו מוזט מיט איהר חתונה האָבען.

י ע נ ק ע ל : (צושראָקען) הא ?

פ ר א ק א פ : (מיט'ן האַק איבער איהם) דו מוזט מיט איהר געהן צום פּאָפּ ארסעני און זיך קרעשצען !

י ע נ ק ע ל : ניין, ניין, איך בין אַ איד, איך בין אַ איד !...

פ ר א ק א פ : (מאַכט מיט'ן האַק) קריגסטו בײַ מיר מיט'ן האַק איבער'ן קאָפּ, אַז דו וועסט זיך ניט קרעשצען !

י ע נ ק ע ל : (בויגט איין דעם קאָפּ) אָט האַק, פּראקאָפּ, האַק ! איך'ל זיך אָבער ניט קרעשצען, איך בין אַ איד ! אַ איד ! אַ איד !

נ א ט א ש א ווייזט זיך אין'ם פענסטער, דאַן טהוט זי אַ געשריי : ריש־בער, זלמן, חאַצקע, ראַטויטע !... און לויפט אַריין אין שטוב, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער, מיט די אויגען אויסגעגלאָצט אויף'ן האַק, וואָס פּראָקאָפּ האַלט אין לופטען איבער יענקעלס קאָפּ...

ווען דו אָבוואַשט דיין פאַרשיווע מאָרדע, דוז געטהון גלייך

נאטאשא: (צולויפענדיג צו פראקאפ'ן) דיעדושקא! (כאפט אַן דעם האַק.)

זלמן, הירש בער און חאַצע לויפען אריין.

פראקאפ: זאָל ער זיך געהן קרעשצען, איך וועל איהם דער'הרג'ענען! (רייסט ארויס זיין האַנד מיט'ן האַק פון נאַטאַשא'ס און פערמעסט זיך ווידער אויף יענקלען) ועסטו זיך קרעשצען, זשיד?!

יענקעל: ניין, ניין, ניין! איך בין א איד! א איד! א איד!

זלמן: (שפרינגט צו און כאַפּט אַרויס דעם האַק. פראַקאָפּ כאַפּט אַן דאַן יענקלען ביים האַלז און ווערגט איהם) וואָס האַסטו געהאט צו מיין נאטאשא'ן?! (שלײדערט איהם אַן דר'ערד און שטיקט איהם. אַלע וואַרפען זיך צו איהם.)

פאָרהאנג.

פיערטער אַקט.

די ביהנע שטעלט פאָר י ש ע י ה ו ׳ ס קרעטשמע. מען גרייט זיך דאָרט צו דער חתונה, וואָס דאַרף היינט פאָרקומען. נחום אָנגעטהאָן אין זיין שבת׳דיגער זופּעצע, מיט פערקאַשערטע פּאָלעס, לויפט אַרום פערהאַוועט, פערשמאַיעט, שלעפּט אַרויס מישען, בענק. פ ר ו מ ע העלפט איהם. ח י י ק ע, אויסגעפּוצט, שטעהט און שייערט אַ פּאָאַר מעשענע לייכטער.

פ ר ו מ ע : מען דאַרף זיך איילען. שוין אזוי שפּעט, באַלד קומען מענשען און איך געה ארום ווי א שיקסע, ניט אָנגעטהאָן, וועה איז מיר !

ח י י ק ע : טאַטע, אַ טאַטע, וואו איז אהינגעקומען יענקעל ?

נ ח ו ם : וואָס פרעגסטו היינט אויף יענקלען ? דו ? וואָס ליעגט דיר היינט יענקעל אין קאָפּ ? היינט איז דיין חתונה און דארפסט נור טראַכטען וועגען דיינע עבירות, און טענה ניט !...

ח י י ק ע : (שייערט די לייכטער) טאַטע, אַ, טאַטע, צו דער הופּה איז דאָך גאָט מוחל די עבירות, האַ ?

נ ח ו ם : אַוודאי. אויף דעם, פרימעריטשע, איז דאָך די חופּה, כדי גאָט זאָל מוחל זיין די עבירות...

ה י ר ש ב ע ר קומט אַריין.

ח י י ק ע : טאַטע, אַ, טאַטע, וועט גאָט מוחל זיין יאַנקעלען זיינע עבירות אויך, האַ ?

ה י ר ש ב ע ר : יאַנקעלע׳ס עבירות האָט דער גלח ארסעני מוחל געווען פאר אַ צעהנערל... עך, טראַכצע, ווען דער גלח ארסעני וואָלט נאַטאַשאַ׳ס עסק ניט גלאַט געמאַכט, וואָלט יאַנקעלע ווער וויים וואו אצינד געווען... אפשר אין גן עדן ! אין דו, חייקעלע, וואָלסט זיך געדארפט זוכען אַן אַנדער בייקעלע ! ווי דו שיינסט היינט, חייקעלע, אַן אמת׳ע יפת תואר, א כפּרה א בת מלכה !

פ ר ו מ ע : וואָס מיינט איהר ? עס איז טאקי א נס מן השמים ! וואָס טהוט מען, ווען דער גלח ארסעני וויל חלילה ניט נעהמען קיין געלד און שפּאַרט זיך דיקא איין, אַז יאַנקעלע זאָל

זיך שמד'ן ? אזוי אָבער בלייבט יענקעלע טאַקי אין אידישע הענד, אַ דאַנק גאָט... דער זכות פון זיין טאַטען איז איהם בייגעשטאַנען...

ה י ר ש ב ע ר : אוי, קינדערלאַך, קינדערלאַך, און דאָך טהוט מיר וועה דאָס האַרץ פאַר פראָקאָפ'ן, פאַר נאַטאַשאַן... אמת, זיי זיינען אפילו גוים, אָבער... עך, טראַסטצאַ ! געווען אזאַ גוטער פראקאָפ, אַ קלוגער און וואָס איז ער איצט ? אַן זיצט ער דאָרטען אין שיכור'ט, די גאַנצע כאָזאַיסטווא געבראַשעט און שיכורט... און נאַטאַשאַ קלייבט זיך איצטער דאָרטען אוועקצוגעהן אין קינ־ פעט אין נאָוואָסעלסק צו איהרע אַ מוהמע... עך, טראַסטצע, אַ בי־ טערער רחמנות. כ'לעבען, זיי זיינען אפילו ערלים... אָבער זיי וויינען דאָך אויך מיט טרערען, און אַז נאַטאַשע קרעכצט, צוררייסט דאָס האַרץ איהר קרעכצען אויך... עך, טראַסטצע ! (טהוט אַ שמעק טאַבאַק.)

נ ח ו ם : אוי, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, ר' הירש בער, איהר זייט אַן אַפיקורס טאַקי אויף אַן אמת'ן ! חאַצע איז דאָך גע־ רעכט, פרימעריטשע... וואָס זשע האָבען מיר געזאָלט טהאָן ?... לאָזען יענקלען התונה האָבען מיט איהר, הא ? זאָלט איהר מוחל זיין...

ה י ר ש ב ע ר : דאָס איז שוין אַן אַנדער שאלה... פוןביידע זייטען טריף, נחום... דאָס איז טאַקי וואָס עס הייסט — אַ טראַסטצע פון פאָרענט און אַ טראַסטצע פון הינטען...

נ ח ו ם : טאָ טענה'ט ניט, זאָלט אידר מיר מוחל זיין !..

ח י י ק ע : טאַטע, אַ, טאַטע, אוי, וועל איך היינט וויינען צו דער חתונה, אַז גאָט זאָל מוחל זיין יענקלען די זינד... אָי האָט יענקעל געזינדיגט, ~~אַ כאָלערע!~~...

פ ר א ק א פ שיכור, וואַנקט אויף די פיס, קומט אַריין.

פ ר א ק א פ : ריש בער ? טאָ־טאָ !.. (קנייטשט מיט די ליפען). ווילסט מיט מיר טרינקען, הא ? פרומקאַ, אַ טשאַרקע גיעב !..

ה י ר ש ב ע ר : איך וויל ניט טרינקען פראקאָפ. געה בעסער אַהיים, נאַטאַשאַ וויל זיך מיט דיר פראָשצייען, זי געהט אַוועק צו איהר טיאָטקע אין נאָוואָסעלסק...

פ ר א ק א פ : (קוקט אויף איהם מיט מוטנע אויגען און קאָרטשעט מיט די ליפען) נאַטאַשקאַ ? טאָ־טאָ !.. (צולאַכט זיך שטיל, מיט אַ דינעם קינדערשען געלעכטער) ניטאָ ביי מיר קיין נאַטאַשקאַ... הו־הו־הו, אַוועק, אַוועק, (ווייזט מיט'ן האַנד אויף ד'ערד) זי איז

אין ד'רערד אוועק מיט דעם טייפעל!.. (פייפט) ניט מיין קינד איז גאטאשקא, נאר דעם טייפעל'ס קינד!.. נו, ריש בער, וועסטו אויסטרינקען, צי ניין?..

הירש בער: געה אהיים, פראקאפ... מענש, וואס ווערט פון דיין באזאיסטווא?..

פראקאפ: מיין באזאיסטווא? פארברענט זאל זי ווערען! וואס דארף איך די באזאיסטווא?... אין קבר וועל איך דאס מיט זיך נעהמען, צי וואס?.. (צולאכט זיך מיט זיין קינדערשען געלעכטער.) איך דארף גאר נישט, גאר נישט... טא־טא! טרינק, גים אריין איינס נאך דער אנדערער!... טרינק און גיע טשערטא! (טאנצט אונטער.) טרינק, טראכט ניט, זינג דיינע פיעסניעס און שטארב, אקאלעיע, ווי א הונד — טא־טא, בע־בע־בע!... (זינגט) „עך טי בעריאזא, טי מאיא בעריאזא"... (אב, זינגענדיג, מאכענדיג מיט די הענד צום טאקט פון זיין זינגען.)

הירש בער (זיפצט) פערפאלען, מען קאן שוין זאגען רבנן קדיש נאך פראקאפ'ן...

נחום: רבנן קדיש? וואס רעדט, איהר, ר' הירש בער? זאגט באטש: להבדיל, פרימעריטשע, זאלט איהר מוהל זיין!

הירש בער: אה, איך האב פערגעסען, אז רבנן קדיש קען מען נור זאגען נאך אזא תלמיד חכם ווי דו ביזט, ר' נחום הגאון! עך, טראסצע, נא, דערפאר נעהם א גוטען שמעק טאבאק!..

פרומע: וואו איז יענקעל? איצט, אז פראקאפ איז אוועקגעגאנגען, דארף ער זיך ניט בעהאלטען... אוי, ר' הירש־בער, האט יענקעלע מורא פאר פראקאפ'ן! דערזעהט ער איהם פון ווייטען, הייבען איהם אן הענד און פיס צו ציטערען, און ער בע־האלט זיך. אפנים, ער האט איהם גוט אנגעשראקען מיט'ן האק!

הירש־בער: אפשר בעהאלט ער זיך פון איהם ניט מחמת ער האט מורא פאר איהם, נור מחמת אן אנדער זאך? איך האב אמאל א הינטעל אויסגעבראכען אונגערן א פוס, איז אלע מאל דערנאך, אז איך פלעג איהם דערזעהען הינקענדיג, פלעג איך אפקעהרען דעם קאפ... הייסט א פשיטא, אז מען ברעכט אויס א מענשען ביידע פיס!...

נחום: נו, מאלע וואס פריהער איז געוועו, זאל דאס נעהמען דער קאדיק, אבי איצט ווערט יאנקעלע א מענש... שוין א וואך ווי ישעיהו ווייזט זיך ניט צו אונז און ניט צו איהם

אפּנים, אַז ישעיהו איז דאָרט זיכער געוואָרען מיט דער חתונה, האָט ער זיך דאָרט בערוהיגט...

ח י י ק ע ל ע : ר׳ הירש־בער, אַ, ר׳ הירש־בער, אוי, האָט מען יענקלען געמאַכט אַ גאַרניטערל אַ דראַפּענעם, אָט איהר וועט איהם שוין היינט זעהן אונטער דער חופּה — אַ מחיה! און אַ זייגערל האָט מען איהם געקויפט מיט אַ קייטעלע... און אָט איז אַ זיידען פּאַטשיילקעלע פאַר איהם אויך!.. (ווייזט אַ ווייס טיכעל).

נ ח ו ם : חייקעלע, חייקעלע, טראַכט מיר ניט היינט פון יענקלען, אַן עבירה, זאָלסט מיר מוחל זיין!...

ח י י ק ע : אוי, אַז ער קריכט מיר אין קאָפּ!.. (קלאַפּט זיך אין קאָפּ.)

י ע נ ק ע ל אַריין צוטראָגען.

י ע נ ק ע ל : ער איזש אַוועק? (דערזעהן הירש־בער׳ן) איהר, ר׳ הירש־בער? (געהט צו צו איהם) עש איזש מיר סטראַשנאָ צו קוקען...

ה י ר ש ־ ב ע ר : אויף וועמען?

י ע נ ק ע ל : אויף פּראָקאָפּ׳ן. אַ רחמנוש!.. עך, ר׳ הירש־בער, די וועלף זשאָלען מיך פרעשען, איך בין אַ מאַזוריק!...

נ ח ו ם : יענקעלע, שילט זיך ניט היינט! היינט איז דאָך דיין חתונה, זאָלסט מיר מוחל זיין, טאָ טענה ניט!..

י ע נ ק ע ל : וואָש מיר חאַשונע? איך בין אַ שלעכטער מענש און באַסטאַ!

ה י ר ש ב ע ר : יענקעלע, נאַרוניו דו, שעהנערע מענשען ווי דו, טהוען אָב אַזעלכע זאַכען. ניט דו ביזט דער ערשטער און ניט דו ביזט דער לעצטער... שלאָג זיך עס אַרויס פון׳ם קאָפּ... און אָט איז דיין כלה, חייקעלע, וועגען איהר טראַכט!..

נ ח ו ם : (כאַפּט אונטער) און טענה ניט!...

י ע נ ק ע ל : (ציהט אָב הירש־בערן אָן אַ זייט און שטיל) ר׳ הירש־בער, חייקעלע איזש אַ זאַראַזאַ, מיר איזש נודנע צו קוקען אויף איהר... זשי איזש מיין כלה, דער טאַטע וויל אַזשוי, אָבער די וועלף זשאָלען זשי פרעשען!... ר׳ הירש־בער, ניט גוט! ניט גוט!..

ה י ר ש ב ע ר : זיי נימ׳ קיין ווילדער, יענקעל... חייקע, וואו איז יענקעלע׳ס זיידענע פּאַטשיילקעלע?

ח י י ק ע : (נעהמט דאָס זיידען טיכעל און טהוט איהם אָן

אויפ'ן האלז) אוי, ווי שעהן... טראָג געזונד, יענקעלע! ווייז ר' הירש־בער'ן דיין זייגער און קייטעלע...

י ע נ ק ע ל : וואָש האָשטו מיר אָנגעטהאָן די פּאַטשיילקע? (רייסט עס פון זיך) דו בעשער טהו אָן אַ שטריק מיר אויפ'ן האַלזש און זאַדושע מיך! (שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ זייגער מיט אַ קייטעל) נאַ דיר דאָש אויך אַוועק, נ־נאַ!

ה י ר ש ־ ב ע ר : (האַלט איהם אָב) יענקעלע, טראָג דער כלה'ס מתנות, פערשעהם זי ניט. נאַרוניו, אַז דו וועסט איהר געבען אַ מתנה, וועט זי אויך טראָגען... פרומע, וואו איז יענקעל'ס נייער גאַרניטערל?... זאָל ער אָנטהאָן.

פ ר ו מ ע : אין דער צווייטער פּאַלאַווינע... איך האָב פערפּאַסקודעטע הענד...

ח י י ק ע : איך וועל ברענגען יענקעלען דעם גאַרניטער'ל! (אָב.)

י ע נ ק ע ל : (דורכגעגאַנגען דאָס צימער, שטעלט ער זיך ווידער אָב נעבען הירש־בער'ן און שטיל) ר' הירש־בער, איך האָב געהערט, אַזש זשי געהט היינט אַוועק אין נאָוואָסעלסק צו איהר מוהמען. איזש דאָש עמעש?

ה י ר ש ־ ב ע ר : ווער?

י ע נ ק ע ל : זשי, זשי... נאַטאַשאַ... (זיפצט)

ה י ר ש ־ ב ע ר : טראַכט ניט וועגען איהר...

י ע נ ק ע ל : איך האָב פינף רובעל... וויל איך עש איהר געבען...

ח י י ק ע מיט'ן גאַרניטור אריין.

ח י י ק ע : זעהט, ר' הירש־בער, ס'רא שעהנער... אַ דראָפּנער, זאָל ער טראָגען געזונטערהייט!... (אַ קלינגען פון גלעקלעך און אַ „טפּררררו".)

נ ח ו ם : אוי, דאָס האָט געמוזט קומען האַצע מיט דער חופּה פון שטאָדט! פרומע, קעהר זיך! שטאָדטישע מענשען קומען!

פ ר ו מ ע : אוי וועה איז מיר, די טישען זיינען נאָך ניט געגרייט! הייקעלע, פיהר אַריין די געסט אין יענער פּאַלאַווינע!

ח י י ק ע : (שפּאַרט אַריין יענקלען דעם גאַרניטור אין די הענד) איך לויף! פּוץ זיך אויס, כאַלערע, דו ביזט דאָך אַ חתן. וואָס שטעהסטו? (אָב.)

חאַצע אין שבת'דיגע מלבושים אַריין.

חאַצע: נו, געקומען! די חופה, דער שמש, דער מאַר־שאַליק, די כלי זמר, איך מיין עפּעס, אַ אידישע חתונה!

נחום: האָט דער וואָראָנער מיינער גוט גע'הלך'ט, האַ, ר' חאַצע?.. (קוועלט) אַ פערד אַ לייט, פּרימעריטשע, האַ, ר' חאַצע?

חאַצע: אַ פערד איז אַ פערד... אונזערע צעהן אויסגע־דאַרטע אידען האָט ער פערשלעפּט, איך מיין עפּעס!

הירש בער: אַז ער האָט געקענט פערשלעפּען אַזאַ משא, ווי דיך, חאַצע, איז ער שוין אַ גוטער פערד!..

חאַצע: נו, מילא! קומט צו די געסט. אַ חרפּה, פרעמדע אידען!

פרומע: איך לויף זיך אָנטאָן. (אַב.)

נחום: קומט, ר' הירש־בער. מיר וועלען דערווייל דאָרט מאַכען אַ קנאַק... יענקעל, טהו זיך אָן אויף גיך, אויף גיך, מאַרודע ניט, ~~אַ קלאָג צו דיר!~~.. (אָב מיט הירש־בער'ן און חאַצע'ן.)

יענקעל בלייבט אַליין מיט'ן גאַרניטור אין די הענד.

יענקעל: (אַ שמייך געטהאָן דעם גאַרניטור אָן ד'רערד) די וועלף זשאַלען דיך פרעשען!.. (פון דרויסען דערהערט זיך פּלוצים אַ קראַקען פון אַ וואָראָנע, ער טהוט זיך אַ צאַפּעל.)

נאַטאַשאַ, קומט אַריין מיט אַ קלומיקעל אויף'ן פּלייצע און מיט אַ שטעקען אין האַנד. זי איז אָנגעטהאָן אין אַ ווייסער סער־מיאַגע מיט אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ איבער די אויגען, קוים וואָס זי טרעט. יענקעל דערזעהט זי, בלייבט ער שטעהן, ווי אַן איינ־געגראָבענער.

נאַטאַשאַ: דער דיעדושקאַ איז דאָ אויך ניטאָ... (דער־זעהט יענקלען, טהוט זי זיך אַ צאַפּעל און קעהרט זיך אום צוריק צו דער טיר. יענקעל טהוט זיך אַ וואָרף נאָך איהר.)

יענקעל: נאַטאַשאַ! (זי בלייבט שטעהן.) דו געהסט אין נאָוואָסעלסק?

נאַטאַשאַ: אַוועק, דושעגובעץ! אַוועק, ראַזבאָיניק! בעסער וואָלט מען מיך געפיהרט אַ טויטע אויף די מאָגילקעס, איידער איך זאָל געהן, ~~אַ קאַטאַסטראָפע~~, צו מיין מוהמע'ן אין דאָרף!...

יענקעל: (געהט צו צו איהר און מורמעלט) נאַטאַשאַ, פערגיעב מיר!..

נ אַ ט אַ ש אַ : אַוועק פֿון מיר! ראַזבאָיניק, איך וועל דיר די אויגען אויסקראַצען! (וואַרפֿט זיך צו איהם און בלייבט שטעהן גע־בראָכען און וויינט אויפ'ן קול.)

י ע נ ק ע ל : (קלאַפּט זיך אין ברוסט) יאָ, יאָ, נאַטאַשאַ, טהו דאָש! רייס אַרויס ביי מיר די אויגען! רייס אַרויס ביי מיר דאָס האַרץ! איך בין אַ ראַזבאָיניק, נאַטאַשאַ! נאַטאַשאַ, עך, נאַטאַשאַ, איך בין אַזוי אונגליקלאַך! אַי־אַי! (צו־וויינט זיך.)

נ אַ ט אַ ש אַ : דו ביזט אונגליקלאַך? כאַ! כאַ! כאַ! און אַ זיידען פּאַטשיילקעלע טראָגסטו אויפ'ן האַלז, ווי אַ פּאַ־ניטש! און דאָרט, אין יענער פּאַלאַווינע, וואַרטען אויף דיר מוזי־קאַנטען און אַ כלה. ראַזבאָיניק, אוי, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? איך בין געווען אַן עהרליך מיידעל און היינט בין איך אַ פּאָטאַס־קובאַ!... איך בין געווען אַ יתומה אויף גאָט'ס וועלט, אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען, אַ זיידען האָב איך נור געהאַט, אַ גוטען דיע־דושקאַ, האָב איך איהם אויך פּערלאָרען. אפילו זעגענען זיך האָט ער מיט מיר ניט געוואָלט! באָזשע מאָי, דער דיעדושקאַ פּראַקאַפּ האָט מיך פּערשאָלטען! (דער קראַקען פֿון דער ווארראָנע. זי מיט שרעק) הערכט, הערסט, ווי די וואַראָנע קראַקעט? זי טראָגט מיר נאָך מיין זיידען'ס קללה! אויף דיין קאָפּ זאָל זי פּאַלען, ~~דישעגובעץ, אויף דיין קאָפּ~~!

י ע נ ק ע ל : (צונויפגעקאָרטשעט פֿון דעם קראַקען) נו, וואָש זשאָל איך טהאָן? זשאָג! איך'ל אַלעש טהאָן, דיר צו העלפען! (קלאַפּט זיך אין ברוסט) נאַטאַשאַ, איך וויל דיר העלפען, אפילו שטאַרבען וואָלט איך פּאַר דיר געוואָלט!

נ אַ ט אַ ש אַ : יענקעל, סאָקאָל דו מיינער, נור דו אַליין קענסט מיר העלפען... איך האָב דאָך דיר אַזוי ליעב, גאָלאָווקאַ מאָיאַ בעדנאַיאַ! יענקעל, קרעשצע זיך!

י ע נ ק ע ל : (שפּרינגט אָפּ צושראָקען) ניין, ניין, ניין! נאַ־טאַשאַ, איך בין אַ איד! ליליש וועט מיך אַזשוי אויך קנאַקען אין אויוועץ! אוי נאַטאַשאַ, פּאַרוואָש ביזשטו ניט קיין אידעשע? איך בין אַזשוי אונגליקלאַך! איך האָב דיך ליעב און דו ביזשט ניט קיין אידעשע! איך וויל דיך ראַטעווען און איך בין אַ איד!.. (צו־וויינט זיך הילפּלאָז.)

נ אַ ט אַ ש אַ : טאָ זאָלסטו זדאָכניען, ראַזבאָיניק, אַז דו ווילסט זיך ניט קרעשצען! זאָל דיין הייעטשקע, אַז זי וועט מיט דיר

זיי געזונט, פּראָקאָפּ ! — פּראָשציי נאַטאַשאַ !

חתונה האָבען, פערליערען אי דיך, אי איהר טאַטען, אי איהר מאַמען, אַזוי ווי איך. און טאָמער האָט זי אַ זיידען, זאָל ער זי אויך פערשילטען אַזוי ווי מיין זיידע מיך! דו זאָלסט זדאָכניען, דיין חייעטשקא זאָל זדאָכניען... (דער קראַקען פון דער וואראנע) דו הערסט די וואראנע? (ער שפּרינגט אָפּ מיט שרעק) איצט וועסטו זיכער זדאָכניען! (זי געהט צו דער טיר.)

י ע נ ק ע ל : (וואַרפט זיך נאָך איהר מיט פערצווייפלונג אין'ם קול) נאַטאַשאַ! (זי בלייבט שטעהן. ער נעהמט אַרויס אַ פינף רוביל פון דער קעשענע) איך האָב פינף רוביל, נעהם! (שפּאַרט איהר אַריין אין האַנד.)

נ אַ ט אַ ש אַ : אַוועק! (וואַרפט אַוועק דאָס געלד.)

י ע נ ק ע ל : (נעהמט אַרויס זיין זייגער און קייט) נעהם, נעהם! האַלובושקאַ, נעהם אַלעש! (נעהמט אַרונטער דאָס זיידען טיכעל פון האַלז) נעהם, האָב ראַחמאָנעש! (זי שמייסט עס אַלעס אַוועק, קאָרטשעט זיך צוזאַמען און וויינט אין אַרבעל.)

פּ ר א ק אָ פּ שיכור, קומט אַריין מיט אַ שטריק אין די הענד.

פּ ר א ק א פּ : כפּרומקא! אוואו איז כפּרומקא? איך האָב געבראַכט די שטריק, זאָל זי מיר פאַר דעם געבען אַ האַלבע קוואָרט!

י ע נ ק ע ל : (טהוט זיך אַ וואָרף איהם צו די פיס) אַלטער פּראקאפּ, זשיי מיר מוחל! איך האָב געזשינדיגט געגען דיר, אָי ווי איך האָב געזשינדיגט! אָבער געגען מיין טאַטען און געגען גאָט האָב איך נאָך מעהר געזשינדיגט! (קושט איהם די פיס און וויינט.)

פּ ר א ק א פּ : כפּרומקא, אַ האַלבע קוואָרט!...

י ע נ ק ע ל : (הויבט זיך אויף פון דר'ערד און גיט פּראקאפּען דעם זייגער) נעהם, דיעדושקאַ, און גיב מיר דיין שטריק! (שפּאַרט איהם אַריין דעם זייגער און נעהמט די שטריק) פּראָשצאַי, פּראקאפּ! פּראָשצאַי, נאַטאַשאַ! (אָב מיט דער שטריק.)

נ אַ ט אַ ש אַ : דיעדושקאַ, זעגען זיך מיט מיר!...

פּ ר א ק א פּ : כפּרומקא, אַ האַלבע קוואָרט, וואו איז זי?... (אָב.)

נ אַ ט אַ ש אַ : (לויפט איהם נאָך) דיעדושקאַ, זעגען זיך מיט מיר! (בלייבט פּלוצים שטעהן) די שטריק... (קוקט צומישט.)

ה י ר ש ב ע ר און ח י י ק ע אריין.

ח י י ק ע : וואו איז ער? די אידען פרעגען, וואו איז דער התן?...

חאַצע לויפט אַריין.

חאַצע: ר' הירש בער, גוואַלד, יענקעלע האָט זיך אויפ־געהאנגען! (לויפט אַרויס. הירש בער און חייקע נאָך איהם. נאַטאַשאַ טהוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר. שפרינגט אָפּ מיט אַ פערצווייפעלטען געשריי. אַ טומעל פון דרויסען און אַ יאָמער...)

פראַקאָפּ ערשיינט ווידער, בלייבט שטעהן אין דער טיר.

פראַקאָפּ: כפרומקא, אַ האַלבע קוואָרט!...

פאָרהאַנג.



באָזשע מאָי, באָזשע מאָי — יאַנקעל איז טויט!

CAST OF CHARACTERS

Joshua, an inn-keeper............................Mr. Schwied
Frume, his wife................................Mrs. Nadolsky
Yankel Boyla, their only son................Mr. David Kessler
Nochum Novoselsker, Joshua's brother............Mr. Giltman
Chaike. his daughter...........................Mrs. Wilensky
Hirsh Ber, a fisherman...........................Mr. Schwartz
Salman Zirele's, a fisherman.......................Mr. Wexler
Chatze Treines......................................Mr. Hyman
Prokop, a peasant..............................Mr. Nathanson
Natasha, his grandchild......................Bessie Weissman
Itze Pasternack.................................Mr. Nadolsky

Peasants, Village Musicians, etc.

Place of Action—In a village adjoining a large fishery in the Province of Mogilov, near the Dnieper River.